STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05430

ABUSH VERBER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַבֿוש ווערבער

צו דער ערשטער יאָרצייט

תל־אביב 1976

אַרויסגעגעבן דורך דער משפּחה און חברים

המדפיס — ב.־צ. אריאלי

אַבושווערבער

1975—1908

אין דער זאַמלונג, וואָס דערשײַנט צו דער ערשטער יאָרצײַט פון אַבוש ווערבער, גייען אַרײַן זײַן ביאָגראַפיע, אָפּשאַצונגען וועגן אים פון חברים און פרײַנד, און לידער — ווידמונגען.

עס ווערט צוגעגרייט אַ בוך, וואָס וועט אַרײַננעמען די שריפטלעכע אַרבעטן פון אַבוש ווערבער ז״ל, וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אין פאַרשיידענע אויסגאַבן, זײַנע בריוו צו שרײַבערס וועגן זייערע ווערק און מאַטעריאַלן וועגן אים און זײַן געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

בײַם אָפענעם קבר

אַבוש! פאַר וואָס בין איך אַזוי געשטראָפט און פאַרשאָלטן, איך זאָל דאַרפן שטיין ביי דיין קבר און דיך מספּיד זיין? ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן אויף דעם אומגליק, וואָס איז געקומען אַזוי אומדערוואַרט? ווו נעמט מען כּוח צו טרייסטן שפרהן, משהלען, ברוריהן, די אייניקלעך — סמדר און ארדת, די קרובים דיינע און נאָענטע, וועלכע האָבן פאַרבראַכט וואָכן ביי דיין בעט אין שפּיטאָל? און אָט שטייען מיר, אַבוש, דיינע חברים, וואָס זענען געבונדן מיט דיר אין משך פון אַ לאַנגן לעבנסוועג, ביי דיין קבר, צעבראָכן און דערשיטערט, מיט צעווייטיקטע הערצער. אַבוש! ס'איז אַרויסגעריסן פון מיין לעבן נאָך איינער פון מיינע באַליבטסטע, פון מיינע טייערסטע און נאָענטסטע, מיט וועלכן יעדער צונויפטרעף און שמועס איז געווען אַ דערהייבונג, אַ קוואַל פון גייסטיקן געניוס און דערפרישונג. צו אים פלעג איך ברענגען מיין טראַכטן אויפן קול, מיינע ספקות און צוגלייך מיין גלויבן, איך האָב געוווּסט, אַז מיין יעדער געדאַנקען־אויסטויש מיט אַבושן איז אַ ברכה, און אַ דערמוטיקונג.

טרעפן זיך מיט אַבושן — און מיר האָבן זיך זייער אָפט געטראָפן — איז געווען פשוט אַ גייסטיקע באַדערפעניש פאַר אונדז ביידן. אין אָט די שמועסן האָבן מיר אַרויסגעבראַכט אַלץ, וואָס אונדז ביידן האָט געמאַטערט: די לאַגע פון דער מדינה, איר גערוּנגל, אירע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעותן, די אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע, די פאַרקריפּלטע און אויסטערלישע וועגן פון ראַטן־פאַרבאַנד, די יידישע פּראָבלעמאַטיק, די בלאָנדזשעניש פון דער יידישער יוגנט אין דער וועלט — צווישן אַסימילאַציע־אילוזיעס און נאַציאָנאַלן שטאָלץ. און ווייל אַבוש האָט פאַרמאָגט אינטעלעקטועלן מוט און פּאָליטישן חוש — איז אַזוי לייכט געווען מיט אים צו פּרובירן אַנאַליזירן פּראָצעסן, דערשיינונגען, בפרט, אַז אַבושן איז געווען דערווידער יעדע נטיה צו קאָנפאָרמיזם, צו שאַבלאָן און אמן־זאָגעריי. אָבער פונקט ווי זיין אינטעליגענץ און אַנאַליטישע פעיִקייט, זיין טרייַשאַפט צו די יסודות פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן וועלט־באַנעם, האָבן אים אָרגאַניש אַרויסגערוקט אין דער ערשטער ריי פון פירערשאַפט אין דער באַוועגונג, אַזוי איז ער געווען געבענטשט מיט אַ זעלטענער מידה פון באַשיידנקייט. דאָס איז נישט געווען קיין עניוות, וואָס שטאַמט אָדער גרענעצט מיט שעמעוודיקייט. אַבוש האָט פאַרמאָגט אַ סך אינערלעכן שטאָלץ און זעלבסטזיכערקייט. ער איז אויך נישט געווען קיין „נחבא אל הכלים". פאַרקערט, ער

האָט ליב געהאַט דעם פּאַרקער מיט מענטשן. אָבער דער יצר פון זוכן כבוד, כיבודים, ראַנגען און טיטלען איז אים פולשטענדיק געווען פרעמד. ער האָט זיך פשוט נישט גענייטיקט אין קיין שום אויסערלעכע אַטריבוטן, כּדי צו דערווערבן זיך אָנערקענונג, אויטאָריטעט און רעספּעקט, נישט נאָר אין דער באַוועגונג, נאָר אין יעדן קרייַז, מיט וועלכן ער איז געקומען אין באַרירונג. צו אים האָבן זיך געצויגן שרייַבערס, דיכטערס און קינסטלערס, וועלכע האָבן אים געשעצט און אָפט מאָל באַוווּנדערט זייַן בקיאות און שאַרפע מבינות אין תחום פון ליטעראַטור און קונסט. אַבוש איז געווען אַ געזעלשאַפטלעכער טוער פון אַ הויכן פאַרנעם, אָבער באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט דעם שמועס אין אַן אינטימן קרייַז, ווו דער גייַסטיקער קאָנטאַקט איז אָנגעלאָדן מיט וואַרעמקייט. די דירה פון שפרה און אַבוש האָט דערמאָנט די אַטמאָספער פון אַן אינטע־לעקטואַלן „סאַלאָן”, ווו מען האָט געקענט פרייַ דורכלופטערן אידעען און פראַגן — פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע, ליטעראַרישע. איך פלעג זיך שטענדיק וווּנ־דערן: ווו נעמט אַבוש, דער פאַרנומענער מיט זייַן פּריוואַטער באַשעפטיקונג, צייַט צו באַקענען זיך מיט אַלץ, וואָס דערשייַנט אין דער וועלט־ליטעראַטור, ווער רעדט שוין אין דער יידישער וועלט? און נישט נאָר באַקענען זיך, נאָר טיף אַרייַנדרינגען אין דער קולטור־שאַפונג, אין ברייטסטן זין פונעם וואָרט.

אין דער וועלט פון חסידות איז פאַראַן אַ טיפער באַגריף פון „פנימיות”



אַבוש (זיצט אין צענטער) מיט אַ גרופּע פ״צ־יוגנטלעכע — ראַדאָם 1927

אין קעגנזאַץ צו „חיצוניות״. אַבוש איז בטבע געווען אַ מענטש פון פּנימיות, אָן שום שאָלעכץ־פּאַרמיש פון חיצוניות. ס׳איז פאַרשניטן געוואָרן פון אונדזער קרײַז, אַזוי אַכזריותדיק, אַ חבר, אַ מענטש, וואָס איז פאַרוועבט און פאַרוואָרצלט אין אונדזער לעבנסגאַנג, אין אונדזערע חלומות און בענקשאַפטן, אין אונדזערע ראַנגלענישן און האָפענונגען.

ס׳האָט זיך געעפנט נאָך אַ חלל אין האַרצן. מיט טיפן טרויער און פּײַן באַגלייטן מיר דאָ אונדזער באַליבטסטן אַבוש צו זײַן אייביקער רו. זײַן אָנדענק און געשטאַלט, זײַן אײדעלער גײַסט וועלן אײַנגעקריצט ווערן אין אַלע אונדזערע מעשׂים.

משה ערעם

אַבוש, מיר, דײַנע חברים פון דער באַוועגונג, צוזאַמען מיט דײַן משפּחה און דײַנע פרײַנד, שטייען איצט צעבראָכענע און דערשיטערטע פון דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט אונדז אַלעמען געטראָפן.

זינט עטלעכע חדשים האָבן מיר געוווּסט, אַז דו לײַדסט פון אַ שווערער קראַנקייט, אָבער מיר האָבן געהאָפט, אַז עס וועט זיך געפינען אַ רפואה, אַז עס וועט געשען אַ נס. צו אונדזער גרויסן ווייטיק איז די האָפענונג נישט מקוים געוואָרן. דער נס איז נישט געשען — און דו ביסט אַרויסגעריסן געוואָרן אַזוי פריצײַטיק פון אונדזערע רייען. מיר האָבן שוין נישט צווישן זיך דעם מענטש מיטן האַרציקן שמייכל, מיטן קלאָרן שׂכל, מיט אַזאַ שאַרפזין און מיט וועמען עס איז אַזוי אָנגענעם צו שמועסן. אַנשטאָט דעם שטייען מיר קעגן איבער דײַן אָרון. דאָס האַרץ און דער מוח ווילן בשום אופן נישט שלום מאַכן מיט דער דאָזיקער אַכזריותדיקער ווירקלעכקייט.

און אָט איז געקומען די ביטערע מינוט, ווען מען דאַרף שוין רעדן וועגן אַבושן אין באַגריפן פון דער פאַרגאַנגענהייט. וועגן אַ מענטש, וואָס איז געווען און איז שוין מער נישטאָ. עס איז געקומען דער אַזוי פּײַנלעכער מאָמענט, ווען מען דאַרף שוין אָנהייבן רעזומירן, אָנהייבן מאַכן אַ סך־הכּל פון אַבושס שיינעם לעבן, אַ לעבן פול מיט געבענטשטער טעטיקייט אין משך פון אַ יובל יאָרן אין די רייען פון פּועלי־ציון, אַ לעבן, וואָס איז רײַך אין מעשׂים און אין גערעגל פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון די אידעען פון ציוניסטישן סאָציאַליזם; אַ לעבן פון אַ גײַסטרײַכן מענטש, וואָס האָט זיך אײַנגעשפּאַנט אין יאָך פון אַ פאַרצווײַגטער טעטיקייט אויפן געביט פון ייִדישער קולטור. מען דאַרף שוין, לײַדער, אונטערציִען דעם לעבנס־סך־הכּל פון אַ מענטש, וואָס איז באַשאָנקען און געבענטשט געווען מיט די אייגנשאַפטן סײַ פון טיפן טראַכטן, סײַ פון גרויסע מעשׂים, אַ מענטש פון דער ציוניסטישער אידעען־וועלט און פון עקשנותדיקן קאַמף פאַר סאָציאַליזם. דער דאָזיקער ווונדערבאַרער סינטעז איז בײַ אַבושן געווען דאָס כאַראַקטעריסטישע און דאָמינירנדיקע אין זײַן רײַכער פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טעטיקייט.

דאָס איז דער ערשטער ווײ־אויסגעשריי. דער אָנהייב פון דער גרויסער דערציילונג, וואָס הייסט אַבוש ווערבער. מען וועט נאָך דערציילן און דערציילן, אין ישׂראל און אין די גלות־לענדער, וועגן זײַן פאַרצווײַגטער טעטיקייט אין די רייען פון פּועלי־ציון און אויף אַנדערע געביטן פון דער ציוניסטישער טע־טיקייט אין ראַדאָם אין פּוילן, אין בעלגיע און אין ישׂראל; מען וועט נאָך אַ סך דערציילן וועגן זײַן העלדישער אַרבעט אין דער רעזיסטאַנס אין די אומקום־יאָרן; וועגן זײַן באַדײַטנדיקן בײַשטײַער פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון אונדזער

וועלט־באַוועגונג, און אַוודאי — וועגן זײַן גרויסער אַרבעט אין ישׂראל אויפן געביט פון ייִדישער קולטור, פון ייִדישן בוך.

אַבוש, גרויס זענען דײַנע פאַרדינסטן. איך וויל נאָר הײַנט דערמאָנען צוויי פון זיי, צוויי זכיות, וואָס קאָנען דינען ווי קרוינען צו דײַן קאָפּ אויפן לעצטן וועג:

דו האָסט זוכה געווען, אַבוש, צו זײַן דער ערשטער, דער חלוץ צווישן די ציוניסטישע פּאַרטיי־מנהיגים אין די גלות־לענדער, וואָס האָבן פאַרווירקלעכט די הויפּט־מצווה פון ציוניזם: עליה! אין נײַנצן פיר און פופציק, ווען די פּאַרטיי אין בעלגיע, בראש פון וועלכער דו ביסט געשטאַנען, איז געווען אין קולמינאַציע־פּונקט פון איר דערפּאָלגרײַכער טעטיקייט, האָסטו, אַבוש, צוזאַמען מיט דײַן משפּחה, עולה געווען קיין ישׂראל. אין דײַנע פוסטריט, אונטער דעם אײַנפלוס פון דײַן רוף, האָבן דעמאָלט, און דערנאָך, עולה געווען אַ סך פּועלי־ציון־חברים פון בעלגיע און פראַנקרײַך. מיטן כּוח פונעם דאָזיקן סטימו־לירנדיקן פאַקט, אַז עס האָט זיך געפונען עמעצער פון די מנהיגים, וועלכער האָט געהאַנדלט לויטן כּלל, אַז מען דאַרף זײַן „נאה דורש ונאה מקיים" (נישט נאָר שיין רעדן, נאָר אויך שיין פאַרווירקלעכן), מיט דעם כּוח האָסטו, אַבוש, באַ־ווירקט און באַאײַנפלוסט אַ סך חברים, אויך פון אַנדערע ציוניסטישע פּאַרטייען און אויך יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די ציוניסטישע חלוצישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. דאָס איז, אַבוש, דײַן גרעסטער זכות — דער עיקר פון דעם קעמפערישן פאַרווירקלעכנדיקן ציוניזם.

דער צווייטער גרויסער זכות דײַנער, אַבוש, איז דײַן וואָגיקער אָנטייל אין דעם וווּקס און אין דער אַנטוויקלונג פונעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, וועלכער איז אין אַ גרויסער מאָס, אַ דאַנק דײַן מיטאַרבעט און אָנפירונג, געוואָרן דער גרעסטער ייִדישער פאַרלאַג אין ישׂראל און אין דער גאַרער וועלט. און עס וועט נישט זײַן איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז דער פאַרלאַג איז איצט איינער פון די גײַסטיקע בריקן צווישן ישׂראל און טיילן פונעם גלות־ייִדנטום.

די דאָזיקע געבענטשטע טעטיקייט דײַנע האָט אירע וואָרצלען אין דעם פאַקט, וואָס דו ביסט געווען אַזוי באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור, בעיקר אין דער פראַנצויזישער, און באַזונדערס אין דער ייִדישער און העברעיִשער פּראָזע און דיכטונג. גרויס זענען דײַנע פאַרדינסטן, אַבוש, אויף דעם דאָזיקן פאַרלאַגס־געביט. אָט דער אַרבעט האָסטו געווידמעט אַ סך פון דײַן צײַט, פון דײַן ענערגיע, און מיט אַ גרויסער מאָס איבערגעבנקייט און געטרײַשאַפט, און דערמיט אַרויסגערופן צו זיך סימפּאַטיע און פאַרערונג בײַ אַלע, וואָס האָבן דיך געקענט און דיך געזען בײַ דער דאָזיקער געבענטשטער אַרבעט. גרויס איז

דיַין אָנטייל, אַבוש, אין דעם דערפאָלג, צו וועלכן עס האָט זוכה געווען און איז וויַיטער זוכה דער י. ל. פרץ־פּאַרלאַג. אויך אויף דעם געביט האָסטו געדינט ווי אַ מוסטער פאַר אַנדערע, וואָס האָבן געהאָלפן און העלפן אין דער טעטיקייט פונעם פאַרלאַג.

אָט באַלד וועסטו אָנגענומען ווערן צו דער אייביקער שכנות מיט דיַינע לערער און חברים, יעקב זרובבל, נחום ניר־ראַפאַלקעס, וועלכע האָבן געהאַט אַזאַ איַינפלוס אויף דיר און וועלכע האָבן דיך אַזוי ליב געהאַט און מיט אַזוי פיל פאַרערונג אָפּגעשאַצט דיַין טעטיקייט, דיַינע מעשׂים אין גיַיסט פון דעם באָראָכאָוויסטישן ציוניסטישן סאָציאַליזם.

מיר, דיַינע חברים, ווילן האָפן, אַז די וועלט־באַוועגונג, אונדזערע חברים אין ישׂראל און אין די גלות־לענדער, וועלן טאָן אַלץ צו פאַראייביקן דיַין אָנדענק, און אויף אַן אופן, וואָס וועט זיַין אין איינקלאַנג און פאַסיק פאַר דיַין פערזענ־לעכקייט, דיַין ציוניסטישער אַרבעט און דיַינע גרויסע מעשׂים אויפן געביט פון דער ייִדישער קולטור.

און ווי אַזוי זאָלן מיר טרייסטן שפּרהן? משהלען? ברוריהן? די אייניקלעך און די גאַנצע משפּחה? און אונדז אַלעמען? עס איז נישטאָ קיין טרייסט, ווען עס ווערט אָוועקגעריסן פון דער משפּחה, פון אונדזער סביבה אַ מענטש, וועלכן אַלע האָבן געערט און ליב געהאַט, אַ מענטש, וואָס איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַזוי פיל ליבע און איבערגעגעבנקייט צו דער משפּחה, צו די נאָענטסטע און צו אַלע זיַינע פריַינד.

אויב מען קען זיך מיט עפּעס טרייסטן, איז עס נאָר מיט דעם פאַקט, מיט דעם באַוווסטזיַין, אַז מיר געזעגענען זיך איצט מיט אַ מענטש, מיט אַ חבר, וואָס האָט געהאַט אַזוי פיל גוטע דערהויבענע אייגנשאַפטן און מידות, וואָס איז געווען געבענטשט מיט גרויסע פעיִקייטן, וועלכער האָט הינטער זיך העכער פופציק יאָר דערפאָלגריַיכע דינסט און טעטיקייט אין די רייען פון דער פועלי־ציון־פּאַרטיי, און אַ דאַנק אָט די אַלע מעלות דינט ער תּמיד ווי אַ מוסטער, ווי אַ ביַישפּיל פאַר אַ סך חברים און פריַינד.

אַבוש, מיר וועלן דיך געדענקען. מיר וועלן געדענקען דיך און אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט דיר, מיט דיַין שיינעם גיַיסטריַיכן לעבן, וואָס האָט צו אונדזער אַלעמענס גרויסן צער און ווייטיק אויפגעהערט צו עקסיסטירן.

יעקב מענדעלסאָן



אַבוש (שטייט ערשטער לינקס) צווישן פועלי־ציון־חברים — ת״א, 14.6.1959

ס'איז ווייטיקלעך צו באַגרײַפֿן, אַז אַבוש ווערבער, דער דינאַמישער מענטש, איז אויך שוין נישטאָ, אַז מיר געזעגענען אים איצט אויף אייביק. מיר האָבן געוווּסט אין די לעצטע וואָכן ווי קראַנק ער איז, ווי גבורהדיק און ווערדיק ער ראַנגלט זיך. דאָך איז שווער אָנצונעמען, אַז מיר וועלן אים שוין מער ניט זען, ניט פֿילן מער זײַן אָפּטימיזם און וואַרעמע פֿרײַנדשאַפֿט.

און ער האָט דאָך גאָר געהערט צו דעם דור הבינים — דער דור, וואָס האָט אויסגעטראָגן, און אים איז באַשערט געווען צו פֿילן, דאָס גוטס און דאָס שלעכטס פֿון אונדזער הײַנטיקער תּקופֿה, דער זעלבער דור, וואָס זײַנע בויערס און טוערס האָבן מיט אײַפֿער און ליבע איבערגענומען די מסורה פֿון די ערשטע: זייער באַציִונג צום מענטש, זייער געטרײַשאַפֿט צום סאָציאַליסטישן ציוניזם, צו ייִדישער קולטור־שעפֿערישקייט, זייער וואַכזאַמקייט און גלויבן אין ייִדישער שליחות...

צווישן אַט די לויטערע, אידעיִשע און גלייביקע האָט געהערט אַבוש ווער־בער. און אַזאַ איז ער אַלע מאָל געווען מיט זײַן אייגנדיקן באַנעם און זײַן צאַפּלדיק לעבעדיקן אויסדרוק. צווישן אַ סך האָט מען אים געקאָנט אַרויסזען און דערפֿילן, סײַ מיט זײַן ענערגישער אימפּאָנירנדיקער געשטאַלט, סײַ מיטן שטענדיק הבל־הבלימדיקן אָבער לויכטנדיקן שמייכל. ער האָט זיך אויסגעטיילט. זײַן גלײַיִקער בליק, זײַן אויפֿפּיר, דער בנעימותדיקער טאָן, זײַן ווערדיקע האַל־טונג האָט באַווירקט און אָנגעוויעט מיט דערהויבענער גוטער חברשאַפֿט.

ער איז געקומען פֿון ראַדאָם, די אַ מאָל לעבעדיקע ייִדישע שטאָט. דאָרט, אין דער סביבה פֿון ייִדיש־פּוילישער אַטמאָספֿער, האָט ער אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם מהות פֿון אַלט־פּאָלקישן נוסח און דורותדיקער ייִדישקייט. דאָרט האָט ער אויך אײַנגעאָטעמט דעם נײַעם ניגון, וואָס די התלהבותדיקע און גלייביקע יוגנטלעכע האָבן אויפֿגעזונגען פֿאַר דער אידעע פֿון שאַפֿנדיקן אַרבעטנדיקן ארץ־ישׂראל, די אידעע פֿון פּועלי־ציון, פֿאַר דעם בויענדיקן סאָציאַליסטישן ציוניזם. ס'איז נאָך געווען אַ הײַטערע האָפֿענונגספֿולע וועלט — און אָט צו דער וועלט, צו אירע צוזאָגן און דערהויבנקייטן, האָט עס געצויגן אויך דעם געראָטענעם יוגנטלעכן טוער אַבוש ווערבער.

ער איז אַוועק פֿון זײַן היימשטאָט צו דער גרויסשטאָט, צו פּאַריז און בריסל. אין בריסל איז ער געוואָרן אַ תּושב און גאָר גיך אויפֿגעגאַנגען ווי אײנער פֿון די ווירקנדיקסטע טוערס, געוואָרן אַ פֿירער פֿון דער דאָרטיקער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, אַ קולטור־טוער מיט פֿאַרמעסט און פֿאַרנעם, און איבער אַלעם — דער איניציאַטאָר, דער דערמונטערער און באַגלייטער פֿון אַלץ, וואָס איז געטאָן געוואָרן אויפֿן געביט פֿון שול־וועזן, פֿון ייִדישן געדרוקטן וואָרט. אַ פֿאַר־

ליבטער אין ליטעראַטור און פּאָעזיע, האָט ער גוט געקענט די ליטעראַטור פון אייראָפּע. דעמאָלט האָבן נאָך איבער אייראָפּע געפלאַטערט ווײַסע טויבן, כאָטש באַלד האָט זיך אויסגעכאָוועט די גיפטיקע שלאַנג, וואָס האָט פאַרסמט שפּעטער אַ וועלט אַ גאַנצע.

אַבוש ווערבער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענע און פירנדיקע פּאָזיציע אינעם ייִדישן ייִשוב פון בעלגיע. אויך אָט דער קליינער, נאָר בפירוש קאָנסטרוקטיווער ייִשוב, האָט ניט ווייניק בײַגעטראָגן צו דעם ייִדיש־גײַסטיקן גוטס, וואָס די ייִשובים אין אייראָפּע האָבן צונויפגעבראַכט, צונויפגעשאַפן. איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה און האָט אָפּגעמעקט אונדזער ייִדישע וועלט אין אייראָפּע. אויך אַבוש ווערבער איז דורכגעגאַנגען דעם וועג פון שרעק און סכּנה אין די ביטערע מלחמה־יאָרן. אָבער גאָר גיך האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון ווידערשטאַנד.

לאָמיר נאָך אַ מאָל איבערחזרן, וואָס מ׳ווייסט שוין: אַז ייִדן זענען געווען די ערשטע אין דעם קעמפערישן אונטערגרונט קעגן די נאַצי־רוצחים, אַז ייִדן זענען געווען די ערשטע אין דער פראַנצייזישער מאַקי־באַוועגונג. אַבוש ווערבער האָט געהערט צו אָט די ערשטע און אַקטיווסטע.

עס וועט נאָך דערציילט ווערן, וואָס אַבוש ווערבער האָט דורכגעמאַכט אין די יאָרן פון דער אומקום־דראַמע. יעדער, וואָס האָט דורכגעלעבט און איבערגעלעבט, איז ווי אַ געשטאַלט פון אָט דער חורבן־דראַמע, און אַוודאי איז דאָס געווען אַבוש, וואָס האָט אין די פינצטערע יאָרן פונעם צווייטן וועלטקריג געוועקט האָפענונג און גלויבן, און געמונטערט אויפצוהאַלטן אין זיך דעם צלם־מענטש, אויפצוהאַלטן אונדזער אַלטע אויסגעפּרוווטע גײַסטיקע גבורה.

איך האָב באַגעגנט אַבוש ווערבער בעת ער איז מיט צוואַנציק יאָר צוריק געקומען זיך באַזעצן אין לאַנד, צוזאַמען מיט שפּרהן, איר צו לאַנגע יאָר, די דיכטערין און לערערין, וואָס האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער אונטערגרונט־אַרבעט בײַם אויסבאַהאַלטן ייִדישע קינדער, און מיט זייער איינציקן זון. ס׳איז געווען אַ נחת־רוח זיך צו טרעפן מיט אים, זיך צו באַגעגענען מיט אַבוש ווער־בער. און הגם ער האָט אַזוי ווייניק, כּמעט קיין מאָל ניט גערעדט פון יענע ביטערע יאָרן — פאַרקערט, ער האָט עס ווי בכיוון אויסגעמיטן — האָט מען אָבער געפילט ווי אַ טיפער אומעט הויערט אין אים. און געשמועסט האָבן מיר וועגן אַלץ, און ס׳איז געווען אינטערעסאַנט אים צו הערן, ווײַל אַלע מאָל האָט ער אַרויסגעבראַכט אַן אייגנדיקע מיינונג, אַ נײַעם געדאַנק, אַ טשיקאַווע אָפּשאַצונג, אַפילו צו מאָל באַקאַנטע מיינונגען און אַרויסזאָגונגען איז ער אויך מסוגל

געוועז אַרויסצובערענגען אויף זײַן באַזונדערן אופן און מיט זײַן טיפן מעלאַ־ דישן קול — — —

עפּעס אַ ניט־געוויינלעכן מיזוג האָט פאַרמאָגט זײַן וועזן. ער איז געוועזן אַ מענטש פון פּראָדוקטיווער אַרבעט, און האָט געקאָנט אַזוי טיף באַווירקט ווערן פון פּאָעטישער פאַרחלומטקייט. אַ סאָציאַליסט פון זײַן יוגנט אָן, און אַזאַ טויִקע טרוימערישקייט האָט געהויערט אויף אים. ער האָט געקאָנט טיף באַרוישט ווערן פון אַ שורה אין אַ ליד, און דאָך האַלטן דעם פּולס פון רעאַלן טאָג־טעגלעכן חשבון. אַזאַ האָב איך אים געטראָפן בײַ די אַרבעטן, בײַ די אַקטיוויטעטן, אין דעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, ווו ער האָט במשך יאָרן אָפּגעגעבן זײַן מי און מחשבה, זײַן גאַנצע איבערגעגעבנקייט און גרייטקייט, זײַן צילגעווענדקייט און גלויבן. דאָס אַלץ האָט ער בײַגעטראָגן צו דער אינסטיטוציע, כּדי אויסצובררייטערן אירע טעטיקייטן, הייבן איר חשיבות.

געוועזן אַ מענטש פון שיינער פלאַטערדיקער טרוימערישקייט אין דער דערקענטעניש פון אונדזער האַרבער וואָר, וואָס ער האָט אין משך פון זײַן לעבן אַזוי געפילט און אָפּגעפילט. געוועזן אַ ליכטיקער לויטערער חבר און פרײַנד, און ער איז נישטאָ מער — — — אַבוש ווערבער פעלט און וועט פעלן אין אונדזער סביבה.

אַברהם ליס

ס'איז שווער צו גלייבן, אַז איך זאָל דאַרפן מספּיד זײַן מײַן נאָענטסטן לעבנס־חבר, מײַן לאַנגיאָריקן פרײַנד — אַבוש ווערבער.

אַלע אונדזערע חברים און פרײַנד און אויך די משפּחות ווערבער האָבן אונדז תּמיד באַטראַכט ווי ברידער. אַזאַ איז טאַקע געווען אונדזער קעגנזײַטיקע איבערגעגעבנקייט. אונדזער פרײַנדשאַפט איז געווען אַזאַ ערלעכע און געטרײַע, ווי עס ווערט דערציילט אין תּנך וועגן דער געטרײַשאַפט פון דוד און יונתן.

אונדזער חברשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן אין אונדזער פריסטער יוגנט, ווען מיר זענען קוים אַלט געווען 14־15 יאָר, אין דער לינקער פּ.צ.־יוגנט, אין אונדזער היימשטאָט ראַדאָם.

אין משך פון די יאָרן האָבן מיר זיך צעשיידט, אַ געוויסע צײַט — אידעיִש, אַ לענגערע צײַט — געאָגראַפיש. אונדזער פרײַנדשאַפט איז אָבער קיין מאָל נישט איבערגעריסן געוואָרן.

איצט שטיי איך פאַר דעם שרעקלעכן נסיון — זיך צעשיידן אויף אייביק מיט אַ טייל פון זיך אַליין. נאָר צי קען דען ווער פירן חשבונות מיט דער השגחה איבערן יחידישן גורל?

ווער איז אין שטאַנד צו ענטפערן אָדער פאַרענטפערן די שרעקלעכע עוולה: אין דער צײַט פון די העכסטע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען אויפן געביט פון טויטן מענטשן זאָל די זעלבע וויסנשאַפט זײַן אַזוי אומבאַהאָלפן צו ראַטעווען מענטשן פון דער פאַרצוקנדיקער מחלה?

שטייען מיר בײַ דײַן קבר, אַבוש, מיט געבויגענע קעפּ און זעען פאַר זיך די מענטשלעכע הילפלאָזיקייט. וויינט דאָס האַרץ אויף דער גרויסער אבידה. ווײַל מיט אַבושן גייט אַוועק אַ ערלעכע געשטאַלט, אַ ידיד־נפש, אַ זעל־טענער חבר, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין זײַנע באַציִונגען מיט מענטשן, בפרט מיט נאָענטע און משפּחה.

אין הינזיכט פון זײַן געזונטן הומאָר און אײַנגעבוירענער פאַרשטענדעניש האָב איך נישט געפונען קיין גלײַכן צו אים. די חכמה און פּיקחות האָבן אים נישט פאַרלאָזט אַפילו אין די גרעסטע לײַדן.

איך האָב בײַגעוווינט זײַנע שווערע ראַנגלענישן, אַלץ געטאָן צו פאַר־לײַכטערן זײַנע שרעקלעכע יסורים.

ליידער האָט דער „מטורפער שטיינהאַקער" פאַרענדיקט זײַן צעשטערערישע מלאכה, ווי עס דריקט זיך אויס דער דיכטער יעקב פרידמאַן ע"ה אין זײַן ליד „תּפילה פון ראַק־קראַנקע": „צי קען דען געמאָלט זײַן, אַז דער באַשאַפער טוט

איבערענטפערן זײַן ווערק אין די הפקר־הענט פון אַ מטורפן שטיינהאַקער אויף צעברעקלונג און שאַנד ? אָ, פּאָטער באַשאַפער, לאָז אונדז נישט אַליין״.

ווי טרייסטן זיך אַליין און ווי טרייסטן די משפּחה־מיטגלידער פון דאַנען און אויך די, וואָס זענען געקומען פון די פּאַראײיניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, פראַנקרײַך, כדי נאָך אויפצונעמען זײַן לעצטן בליק, כדי נאָך צו הערן אַ וואָרט פון זייער „פּעטעליו״, ווי מען האָט אים מיט ליבשאַפט גערופן אין דער משפּחה.

מיר זענען שרעקלעך פאַראבלט און דו, אַבוש, גרויזאַם באַעוולט. אונדזערע טרערן שפּאַרן אַרויס פון די טיפסטע טיפענישן פון אונדזערע הערצער.

בצלאל

געזעגענונג־אָוונט ערב דער עליה פון אַבושן (שטייט אין צענטער)
אַנטווערפּן, סעפּטעמבער 1954

צו די שלושים

אויף דער אזכרה אין
„רינגעלבלום־אינסטיטוט‟, ת״א

מיר זענען זיך צונויפגעקומען הײַנטיקן אָוונט, כּדי זיך מתיחד צו זײַן מיטן אָנדענק פֿון אונדזער טײַערן חבר אַבוש ווערבער. ער האָט געלאָזן פֿאַריתומט נישט נאָר זײַן נאָענטע משפּחה, נאָר די ברייטע פּועלי־ציון־משפּחה, די ייִדישע קולטור־משפּחה אין ישׂראל, און דערלויבט מיר אויך צו זאָגן — אין דער גאָרער ייִדישער וועלט, צו וועלכער ער האָט געהערט. אַן עדות דערפֿון זענען די אָפּקלאַנגען, וואָס זענען צו אונדז דערגאַנגען פֿון דער גאַנצער וועלט, פֿון מענטשן, וועלכע האָבן זיך דערוווּסט וועגן זײַן פּטירה.

איך וועל נישט האַלטן קיין רעדע. איך וועל זיך נאָר דערלויבן צו זאָגן עטלעכע ווערטער, וואָס זענען שײַך מיר פּערזענלעך, אין צוזאַמענהאַנג מיטן טײַערן אַבושן. איך בין זיך מודה, איך האָב דעם נאָמען אַבוש נישט געהערט ביז אומגעפֿער 1943. איך האָב זיך געפֿונען, צוזאַמען מיט אונדזער חבר עוזר שוואַרץ, אין אַ לאַגער אין דער שווייץ בעת דער מלחמה. אין איין שיינעם טאָג קריגט עוזר אַ בריוו פֿון אַבושן, וואָס שרײַבט וועגן זײַן אַרבעט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין בעלגיע. איך האָב געלייענט דעם בריוו עטלעכע מאָל, איך בין געווען שטאָלץ, טרערן האָבן זיך געגאָסן פֿון מײַנע אויגן. איך האָב אָבער געציטערט פֿאַרן גורל פֿון דעם מענטשן, וואָס האָט אײַנגעשטעלט זײַן לעבן, דאָס לעבן פֿון זײַן פֿרוי, דאָס לעבן פֿון זײַן קינד, כּדי צו ראַטעווען און צו הילף קומען די הונדערטער און טויזנטער ייִדן, וואָס זענען נישט אַנטלאָפֿן, נאָר געבליבן אין בריסל און אין דער געגנט. ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן זײַנע גרויסע אויפֿטוען. געננוג צו דערמאָנען, חברים, און דאָס איז געווען, וואָלט איך זאָגן, אַ היסטאָרישער פֿאַרדינסט, אַז ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט גערופֿן די בעלגישע ייִדן נישט אָנצוטאָן די געלע לאַטע און זיך נישט מעלדן צו דעם אָבליגאַטאָרישן אַרבעטס־דינסט, וואָס דאָס האָט געהייסן — איך ווייס נישט צי זיי האָבן דאָס שוין דאַן געוווּסט — דעפּאָרטאַציע אויף מזרח — דאָס הייסט פֿאַרניכטונג. ער האָט געהאַט דעם דאָזיקן מוט און ער האָט געוווּסט ווי אַזוי צו דערמוטיקן אַנדערע חברים. געשריבן האָט ער די בריוו מיט רמזים. ער האָט דאָך נישט געקענט שרײַבן וועגן די זאַכן אָפֿן אין בריוו, וואָס זענען געשיקט געוואָרן, אויב איך האָב נישט קיין טעות, אָדער דורך פּאָסט, אָדער דורך אַ שליח. ער האָט גערעדט וועגן זײַן פֿאַמיליע. עס זענען אָנגעקומען פֿון אַבושן נאָך בריוו, ביז עוזר האָט אָנגעקניפּט מיט אים אַ נאָרמאַלע פֿאַרבינדונג און דער מענטש איז אין מײַנע אויגן און אין מײַן פֿאָרשטעלונג — אויסגעוואַקסן צו אַ העלד. און איך שעם זיך נישט צו דערציילן, אַז ווען מיר זענען געקומען אין 1946 אין בריסל, אויף דער אייראָפּעיִשער קאָנפֿערענץ פֿון אונדזער פּאַרטיי, האָב איך נישט געהאַט די

העזה צוצוגיין צו אַבוש ווערבער, צו רעדן מיט אים ווי אַ גלײַכער מיט אַ גלײַכן, הגם איך האָב שוין אויך געהאַט הינטער זיך אַ שיין ביסל יאָרן פּאַרטיי־אַרבעט. ער איז פֿאַר מיר געווען אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל פֿון גבורה. איך בין געזעסן, צוגעהערט זיך וואָס מען דערציילט וועגן אַבושן, וועגן זײַנע העל־דישקייטן. ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך נענטער באַקענט און זיך באַפֿרײַנדט. אָבער אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך געטראַכט וועגן אים ווי וועגן דעם גרויסן העלד, צו וועמען איך קען זיך נישט פֿאַרגלײַכן.

ש. שווייצער



אַבוש (אין פּרעזידיום — צווייטער פון רעכטס) אויף דער ערשטער אייראָפּעישער קאָנפערענץ פון פּועלי־ציון — בריסל, 21.8.46

נישט קיין ווערטער פון הספד און נישט קיין ווערטער פון מליצה וועלן מיר דאָ הערן וועגן אונדזער אַבושן. אַבוש איז וואַרשײַנלעך געווען אַנדערש אין די אויגן פון פאַרשידענע שיכטן, קרײַזן, מענטשן. מיר שטאַמען פון איין לאַנד, פון איין פּאַרטיי, און איך וועל זאָגן — פון איין אונטערערדישער ראַסע. ס'האָט אונדז פאַרבונדן די אָפּשטאַמונג פון דער ייִדישער מאַסע, פון דער פּראָלעטאַרישער מאַסע אין פּוילן, וועלכע האָט געזוכט פאַר זיך אַ תּיקון, און אָפּט מאָל, ווי עס איז געשען מיט אַבושן — נישט געקאָנט בלײַבן אויף יענער ערד, ווו די ייִדישע ברייטע מאַסן האָבן געוווּסט בלויז פון דיסקרימינאַציע און שווערע לײַדן. אָבער ווו ער זאָל זיך נישט געפינען, איז אַבוש געווען באַהויכט מיט דעם, וואָס מיר רופן: דער ציוניסטישער סאָציאַליזם, דער אַקטיוויסטישער ציוניסטישער סאָציאַליזם, דער סאָציאַליזם, וואָס רופט צו בויען, צו טאָט.

צווייטנס, איז ער געווען אַ מענטש פון דער אונטערערד. ס'איז נישט קיין וווּנדער, אַז אין דער באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אַזאַ רום דערוואָרבן אין פּוילן — מיט ד"ר עמנואל רינגעלבלום, שכנא זאַגאַן — זענען געווען אַ גאַנצע ריי חברים, וואָס יעדער איז געווען מער אָדער ווייניקער פאַרבונדן מיטן ווידערשטאַנד קעגן נאַצישן שונא. און אַזוי איז אויך אַבוש אין בעלגיע געווען דורכגעדרונגען מיט די זעלבע אידעאַלן.

איך זאָג: עס איז נישט קיין וווּנדער. פאַר וואָס? ווײַל די ליבע צום פאָלק איז געווען אײַנגעזאַפּט אין די מוחות פון די, וואָס זענען דורכגעגאַנגען אַ סאָציאַליסטיש־ייִדישע דערציִונג. איז אויך נישט געווען פאַר מיר קיין וווּנדער, ווען איך האָב געהערט וועגן דעם ווי אַזוי אַבוש האָט זיך פאַרהאַלטן אין בעלגיע, וואָס ער האָט דאָרטן געטאָן און פאַר וואָס ער האָט עס געטאָן. בעת ער האָט אויך געקענט זיך אויסבאַהאַלטן, ווי הונדערטער אַנדערע, און אפשר האָפן ווי עס איז איבערצוקומען די שווערע צײַט — האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק זיך שטעלן אין די רייען פון אַקטיוון ווידערשטאַנד קעגן שונא.

און דאָס דריטע איז: די אויספירן, וואָס מען מאַכט פון דעם אַלעם. אייגנטלעך הייבן זיך דאָן אָן טיפע מעדיטאַציעס וועגן דעם זין פון מענטשלעכן לעבן. צי דאַרף מען צוריקקערן זיך צו דעם, וואָס איז געווען פריִער און איבער־לעבן אויפן זעלבן שטייגער, ווי דאָס איז געווען אין די פריִערדיקע יאָרן, אָדער די נײַע ווירקלעכקייט איז מחייב אַ נײַע אויפפירונג. איך האָב דעם אײַנדרוק — איך האָב וועגן דעם קיין מאָל נישט גערעדט, אָבער היות ווי אויך מיט מיר איז עס געשען, אַז ווען איך בין געקומען אין לאַנד, האָב איך געטראַכט קודם כל וועגן באַהעפטן זיך מיט מײַן פּאַרטיי, וועגן אָוועקגעבן פאַר איר אַלץ, וואָס

איז מיר נאָך געבליבן פון מײַנע כּוחות און דורך איר — דעם ייִדישן פֿאָלק דאָ אין ישׂראל, און נישט בלויז דורך פּאָליטישער טעטיקייט כּלפּי חוץ, נאָר דורך אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט, דורך טאָט, מעשׂים — מיין איך, אַז פּונקט אַזוי האָט אויך אַבוש װערבער געטראַכט.

אָבער אַבוש װערבער איז געװען באַשאָנקען מיט ספּעציעלע אייגנשאַפֿטן, אייגנשאַפֿטן פֿון אַ שטאַטסמאַן, װאָלט איך געזאָגט. איך האָב אים אָבסערווירט זייער גענוי, ווײַל צוזאַמען מיט אים בין איך געווען אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון פּרץ־פֿאַרלאַג צען יאָר. און איך האָב געזען, אַז דורך אים האָט גערעדט נישט בלויז די גרויסע ליבע צום ייִדישן וואָרט, צו ייִדישע שרײַבערס, צום ייִדישן שאַפֿער, נאָר אויכעט די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק. כּלפּי חוץ: צו רופֿן און מאָנען, מונטערן די סאָוועטישע ייִדן און אָנצינדן אין זיי אַ פֿונק, באַווייזן פֿאַר דער וועלט אַז מיר זענען מיט זיי... דאָס האָט געטאָן אַבוש װערבער אין זײַן אַזוי גערופֿענער באַשיידענער טעטיקייט אין פּרץ־פֿאַרלאַג. דורך זײַן טעטיקייט אין פּרץ־פֿאַרלאַג האָט ער דעמאָנסטרירט אַ הויכן גראַד פֿון איידלקייט און דערהויבנקייט. איך פֿערזענלעך, בעת איך פֿלעג זיך באַטייליקן אין דער אַרבעט פֿון פּרץ־פֿאַרלאַג, האָב עס געזען אויף יעדן שריט און טריט. האָט מען געדאַרפֿט טאָן אַ קאָנקרעטע אַרבעט, וואָס איז געווען גרוי, נישט זייער סימפּאַטיש און נישט תּמיד געבראַכט קיין רום — איז דאָרט געווען אַבוש; איז געווען אַ רייד וועגן פֿאַרשפּרייטן דאָס ייִדישע בוך, ווי אַזוי פֿאַרבינדן דעם ייִדישן שאַפֿער מיט דער נײַער ווירקלעכקייט אין ישׂראל אָדער ווי אַזוי אַרויסברענגען אין אויסלאַנד דאָס, וואָס עס טוט אין ישׂראל דער אַרבעטנדיקער מענטש, אין דער שפּראַך, וואָס אַ סך פֿאַרשטייען זי נאָך, דורך ייִדיש — איז ער געווען דער ערשטער. האָט מען געדאַרפֿט זאָרגן וועגן קלענערע זאַכן, אומע־טום, ווו מען האָט געדאַרפֿט נישט בלויז באַשטימען, נאָר אויך אויספֿירן — איז אויך אַבוש געווען. אָבער נישט בלויז דאָס. אים איז געגעבן געוואָרן דער גרויסער זכות צו שאַפֿן אין זײַן שטוב, וואָלט איך געזאָגט, אַ ליטעראַרישן סאַלאָן. אפֿשר איז דאָס אַ צו גרויס וואָרט, אָבער אַבוש איז געווען דורכגע־דרונגען מיט ליבע צום ייִדישן שרײַבער — אין בעסטן זין פֿון וואָרט. ער האָט געשאַפֿן אַרום זיך אַ צענטער, וואָס ווייניקע פֿון יענע, וואָס זענען דאָ אין לאַנד אַ סך מער יאָרן, און געווען פֿאַרבונדן אפֿשר מיט אַנדערע אַקציעס, קאָנען פֿאַר־שרײַבן דאָס צו זייער זכות — אַז די שאַפֿערס פֿון ייִדישן וואָרט זאָלן זײַן פֿון זײַנע נאָענטסטע פֿרײַנד. קאָן זײַן, אַז דאָס נעמט זיך דערפֿון וואָס זײַן פֿרוי איז אַליין אַ דיכטערין, אָבער זיכער איז נישט בלויז דאָס די סיבה.

אַבוש איז געווען פֿול מיט ליבע צו אַלץ, וואָס איז שעפֿעריש אין פֿאָלק,

אין זײַן ייִדישן פֿאָלק. אַבוש װערבער, װי איך האָב אים געזען, איז געװען הן ניכטער און הן זייער סענטימענטאַל. האָט מען גערדאַרפֿט עפּעס אויפֿטאָן, האָט מען אויפֿגעהערט צו טראַכטן מיט קאַטעגאָריעס פֿון געלט. און ער איז דאָך פֿון דעסטוועגן געווען פֿאַרבונדן מיטווירטשאַפֿטלעכע ענינים דאָ אין לאַנד, אָבער וואָס שייך ליטעראַטור, קולטור בכלל — איז ער געווען דער ערשטער, וואָס האָט געזאָגט: אויף דעם וועט מען קאָנען געפֿינען מיטלען. חבר גערשאָנאָוויטש האָט מיט אים געאַרבעט לענגער פֿון מיר, און אויך ער דערציילט דאָס זעלבע. אַבוש װערבער איז געווען דער סטימולירער צו זאַכן, בײַ װעלכע מען האָט געדאַרפֿט אַרויסווײַזן געוואַגטקייט. ער האָט געהאַט דעם מוט צו וועלן שענער מאַכן דאָס ייִדישע לעבן דורכן ייִדישן וואָרט, דורך קינסטלערישן שאַפֿן, אָבער ער איז נישט געקומען כּדי צו רעדן, נאָר כּדי צו טאָן. דער מאָטיוו פֿון טאָן איז פֿאַר אים געווען איינער, אפֿשר פֿון די סאַמע וויכטיקסטע פֿאַקטאָרן, אין אַ תּקופֿה, וואָס איז נישט געווען זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר טוּונגען, נאָר מער פֿאַר רעדן און פֿאַר געניסן, און אַבוש האָט מערער געשטעלט דעם טראַפּ אויף האַנדלונג, אויף אויפֿטאָן. אפֿשר איז דאָס די אייגנשאַפֿט פֿון די, וואָס האָבן איבערגעלעבט און אויך גע־לערנט פֿון דער נאַצישער אָקופּאַציע, אַז דער איינציקער זין און דער איינציקער ווערט פֿון אונדזער פֿאַרגענגלעכער עקסיסטענץ אויף דער וועלט איז דאָס, וואָס מען קען איבערלאָזן נאָך זיך דאָס אייביקע, די קולטור פֿונעם פֿאָלק, וואָס וועט איבערהאַלטן אַלע דורות און אַלע צײַטן.

ווען מיר באַערן הײַנט דעם אָנדענק פֿון אַבושן, וויל איך אײַך זאָגן, אַז איך זע אים נישט ווי אַ מענטש, וואָס איז שוין מער נישטאָ אין לעבן. ער איז פֿאַר מיר ווי אַן עלטערער ברודער, וואָס איז בלויז דערווײַל נישטאָ. מיר, די מענטשן פֿון דער אָקופּאַציע, ווייסן, אַז צווישן לעבן און טויט איז תּמיד געווען עפּעס אַ שפּליטערל, נישט מער ווי אַ סעקונדע. פֿיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, אין משך די לאַנגע יאָרן פֿון חושך, זענען מיר געווען פֿאַרחבֿרט מיטן טויט. די אַלע, וואָס האָבן געלעבט אין יענער תּקופֿה, ווייסן דאָס זייער גענוי. און טאַקע דערפֿאַר איז אַבוש פֿאַר מיר נישט קיין געשטאָרבענער. ער איז אַ לעבעדיקע געשטאַלט פֿון אַן עלטערן חבֿר, וועלכער האָט אונדז איבערגעלאָזן אַ סטיל, וואָס איז דורכויס — איך וויל נישט זאָגן, אַז בלויז בײַ פּועלי־ציון איז פֿאַראַן דער פּאַטענט, אָבער בײַ פּועלי־ציון איז עס געווען תּמיד דער פּאַטענט — אַ סטיל פֿון באַשיידענער אַרבעט פֿאַרן ווויל פֿון קאָלעקטיוו.

און אַבוש װערבער, ווי אַזאַ וואָס האָט פֿאַרן פּרץ־פֿאַרלאַג פֿאַרדינסטן, וואָס מען קען זיי גאָר נישט אָפּשאַצן — וועט בלײַבן אייביק אין אונדזער אָנדענק, מיר וועלן אים תּמיד דערמאָנען, און מיר וועלן זיכער געפֿינען מיטלען און וועגן



אַבוש (זיצט צווייטער פון לינקס) מיט דער פאַרוואַלטונג פון י. ל. פרץ־פאַרלאַג — ת״א, פעברואַר 1972

ווי אַזוי צו פּאַראייביקן זייַן נאָמען אויף אַזאַ אופן ווי ער איז דאָס ווערט געווען — דורך אַנטוויקלען די ייִדישע קולטור, דורך אויסברייטערן די וועגן פון געפינען דעם אמתן תּמצית פון אַ קולטור־לעבן פאַרן ייִדישן פאָלק — אין ברייטסטן זין פונעם וואָרט און אין דעם סאַמע ברייטן אויסשפּרייט. אין גייַסט פון דעם געזאָגטן דערמאָן איך מייַן טייַערן חבר אַבוש ווערבער.

ה. וואַסער

די צוואַנציק יאָר פון מײַן באַקאַנטשאַפט מיט אַבוש ווערבער זכרונו לברכה לאָזן בפירוש נישט צונויפבינדן זײַן געשטאַלט מיט דעם, וואָס ווערט אָנגערופן אַוועקגיין, אויפהערן צו זײַן.

אפשר איז לײַכטער די ייִדן מאַמינים, וואָס ווייסן אָט די געשעעניש פון אָפשייד אַרײַנצופלעכטן אין קרײַז פון דער וועלט, זאָגן „ברוך דיין אמת" און גלייבן דערבײַ, אַז ס'איז פאַראַן אַ השגחה־עליונה, וואָס באַשטימט געניי דאָס געזעץ פון „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר". פאַר זיי איז דער דאָזיקער פאַטאַלער קרײַז אפשר אויך אַ פאַרלײַכטערונג, אפשר איז אין דעם פאַראַן אויך דאָס אַרײַנפאַסן אַלע געשעענישן, אויך די שווערסטע און די שרעקלעכסטע, אין געזעץ פונעם מוז: אַזוי מוז זײַן, אַזוי דאַרף זײַן...

אָבער אונדז איז נישט געגעבן געוואָרן אָט דער טאַלאַנט פון תמימותדיקער אמונה און פון פאַרלאָזן זיך אויפן יושר פון אייבערשטע כוחות. פאַר אונדז שטייט קודם־כל דער מענטש, זײַן לעבן, זײַנע יסורים, און פאַר אונדז איז יעדער אָפשייד אַ שניט אין אונדזער לײַב, און אַז עס גייט אַוועק, און דערצו נאָך אין אונדזער דור, אַ מענטש ווי אַבוש ווערבער — איז עס ווי אַרײַנ־ברענגען אַ גאַנצן מידבר אין דער נשמה פון די וואָס האָבן אים געקענט.

ס'איז נישט נאָר די פראַגע פון אָפשייד פון איין מענטש. איך מיין, אַז מיר אַלע, וואָס זענען דאָ פאַרזאַמלט, געהערן צו די, וואָס הונגערן נאָך אַ ביסל גוטס אין לעבן, נאָך אַ ביסל שיינקייט אין לעבן — און נאָך דעם ווי מען איז דורכגעגאַנגען אַנטוישונגען און שטרויכלונגען נאָך גרויסע אידעאַלן און צוזאָגנדיקע פּראָגראַמען, ווייסן מיר, אַז דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעדריקט אין גורל פון מענטש־יחיד און אין די באַציִונגען פון מענטש צו מענטש. און דערפאַר, אַז מען געפינט אין לעבן אַ געשטאַלט ווי אַבוש ווערבער און ער ווערט אַ פרײַנד און אַז מען דערקענט די מידות זײַנע: מידות אויפן געביט פון לעבן, פון באַציִונגען מיט מענטשן, פון מסירת־נפש צו געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן, פון ליבשאַפט צו גײַסטיקע ווערטן — איז אַז עס גייט אַוועק אַזאַ מענטש, קאָנען מיר זיך נישט פאַרלאָזן נישט אויפן „ברוך דיין אמת" און נישט אויפן פסוק: „ראו מה זה אדם: היום עודנו, מחר איננו" — ווי עס שטייט אין ירושלמי — מיר קאָנען זיך נישט פאַרלאָזן אויף די אַלע פסוקים און עס טוט פשוט וויי, ווײַל מיר ווייסן, אַז מיר ווערן אָרעמער אין לעבן.

ניין. עס מערן זיך נישט אין אונדזער צײַט אַזעלכע געשטאַלטן, אַוודאי מערן זיך נישט די ממלאי מקום, וועלכע זאָלן פאַרבײַטן אַזעלכע געשטאַלטן.

*

איך געדענק די ערשטע באַגעגעניש מיט אַבושן דאָ, אין ישראל, גלײַך נאָך זײַן עולה־זײַן. דער שושבין צו דער באַקאַנטשאַפט איז, דוכט זיך, געווען סוצקעווער. בײַ אַ טישל אויף דיזענגאָף זענען מיר געזעסן — מײַן ערשטע טרעפונג מיט אַן עולה, נאָר־וואָס געקומען קיין ישראל. איך האָב נישט געוווּסט זײַן יִיחוס אין דער באַוועגונג. אָבער מיטן ערשטן בליק האָב איך געזען: אַן עולה אַן פאַדערונגען, אַן בייזקייטן אויפן פנים, אַן פאַראיבל — אָט איז ער געקומען, און אָט איז ער שוין דאָ! — אַ היגער.

אוודאי איז דאָס אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אין זײַן באַוועגונג: גײַסטיקע ווערטן פון אַ מענטש באַשטימען זײַן גורל, באַשטימען ווי אַזוי ער וואָרצלט זיך אײַן אין לאַנד. און אין אַבושן האָב איך דאָס געפילט, כאָטש ער האָט געזאָגט: „דוכט זיך, אַז איך וועל קיין מאָל זיך נישט אויסלערנען קיין העברעיִש". דאָס איז געווען איין מאָל ווען מיר זענען געגאַנגען אויף דער גאַס שלמה המלך. איך האָב דערויף געענטפערט: "אַבוש, דו ביסט שוין נישט אַליין, דו רעדסט שוין העברעיִש, ביסט שוין דאָ אַ בירגער, דו ביסט אַ ישׂראלדיקער פון לאַנג, דו ביסט נישט קיין עולה חדש, דו ביסט אַ היגער". און אַזוי האָב איך געקוקט אויף אַבושן פון דער ערשטער רגע ווען איך האָב אים געטראָפן, און אונדזער פרײַנדשאַפט האָט זיך פאַרשפּרייט אויף גאָר טיפע און ברייטע שטחים.

איך ווייס נישט צי מען זעט דאָס פּנים פון אַ מענטש גענוי, דורכויסיק, ווען מען זעט אים בלויז אין די ראַמען פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. איך מיין אַז אַבושס וועלט איז געווען אַ סך טיפער. און וואָס איך האָב געלערנט אַ ביסל פון ייִדישקייט, איז דאָס, אַז דער עיקר איז נישט די מיצווה, נאָר די כּוונה, און דער עיקר איז נישט בלויז די אַרבעט אָדער די טעטיקייט וואָס אַ מענטש טוט, נאָר די אָנלאָדונג, די אינערלעכע גרייטקייט, די שפּאַנונג. און זי געבוירט מעשׂים. איך מיין, אַז ישׂראל אין גאַנצן גענומען איז אַ רעזולטאַט פון אַזעלכע כּוונות, וואָס זענען געוואָרן מעשׂים. די כּוונות האָבן באַשטימט די מעשׂים.

איך אַבושן, אויב מען זעט אים בלויז אויפן פּאָן פון אַ פאַרלאַג צי פון אַ באַוועגונג, קאָן מען אים נישט פאַרשטיין אין גאַנצן — אויב מען האָט אים נישט געזען אין די ראַמען פון זײַן שטוב, בײַ זײַן טיש, אין דער סביבה פון חברים.

דאָרט, בײַ דעם טיש פון אַבושן, האָב איך אים דערקענט מער ווי אומעטום, מער ווי פון זײַנע געזעלשאַפטלעכע אויפטריטן און באַגעגענישן. זײַן פּנים שטייט נאָך אַלץ פאַר אונדזערע אויגן און פּראָטעסטירט קעגן דעם אַלץ וואָס איז

געשען... איך האָב אים געזען תּמיד מיט אַ שמייכל פון פאַרשטענדעניש פאַר דעם צווייטן, איך האָב געזען אין אים אַ הומאָר, וואָס איז עפּעס געווען נישט אין דעם נוסח וואָס האָט זיך אײַנגעבירגערט אין ישראל, ווו דער הומאָר איז געוואָרן (דער הומאָר פון שלום-עליכמען איז דאָך שוין לאַנג נישטאָ...) פאַר־וואַנדלט אין אַן ענין פון אַנעקדאָטן און וויצן. איך האָב אין אים געזען אַ הומאָר פון אַ קולטור-מענטש, פון אַן אייראָפּעיִשן מענטש, וואָס רעדנדיק מיט דיר און קוקנדיק אויף דיר, טראַכט זיך עפּעס אינעווייניק, און אָט אַזוי אַרבעט ער אויס זײַנע מאָסן און זײַנע באַציִונגען פון חבר צו חבר.

ער איז נישט געווען פון יענע מענטשן, וואָס מאַכן לײַכט חברשאַפט, כּדי מאָרגן זיך צו צעשיידן. מען האָט געפילט, אַז ער דרינגט אַרײַן אין צווייטן, הערט זיך אײַן אין אים און זוכט די באַזע פון יענעמס רייד, און זוכט דעם ערנסט, וואָס שטייט הינטערן שפּאַס. ווײַל ער אַליין איז געווען אַזעלכער. און דערפאַר ווײַל ער איז געווען אײַנדרינגענדיק-אַנאַליטיש און האָט געוואָלט דערגיין וואָס עס טוט זיך אין צווייטן, איז ער אויך פעיִק געווען שפּעטער, ווען ער האָט דערקענט די ווערטן פונעם צווייטן, צו שפּינען אַ חברשאַפט, וואָס איז געוואָרן אַ פונדאַמענט אין לעבן.

איך זאָג: מיר פעלט נישט בלויז אַבוש, עס פעלט מיר דער עצם עלעמענט פון חברשאַפט, פון דעם אופן, ווי אַזוי ער האָט פאַרשפּונען חברשאַפט מיט דיר, ביז די אינטימסטע זאַכן. קולטור, אינטימקייט, משפּחה — אַלץ האָט זיך בײַ אים צונויפגעוועבט צוזאַמען.

און די וואָס געדענקען — דאָ זיצן מענטשן, וואָס ווייסן עס — זײַן טיש איז געווען אַ טיש פון ליטעראַטור, פון לידער. איך פלעג זאָגן אַבושן: איך בין דיך חושד, אַז אין דײַן שופלאָד באַהאַלטסטו כּתבים. צי איך האָב יאָ חושד געווען, צי נישט — אָבער אין זײַן האַרץ און אין זײַן מוח האָט געלעבט די ליטעראַטור, האָבן געלעבט פילאָסאָפישע מחשבות, האָט געלעבט אַן אויסער־געוויינלעכע וואַכזאַמקייט צו דער צײַט, צו אירע סתּירות, צו אירע פּראָבלעמען — און דאָס אַלץ האָט זיך צונויפגעפלאָכטן אין אים נישט ווי ער וואָלט געווען אַ כּל־יכול, נישט מיט דער פּאָזע פון אַן אַלץ-ווייסער — נאָר ווי אין אַ מענטש אַ פאָרשער, אַ פרעגער, מיט אַ וואַך האַרץ און אַ קלאָרן פאַרשטאַנד.

חברים, איך זאָג דאָס צו דער משפּחה: פון מיר גייט נישט אַוועק דאָס בילד פון דעם טיש, פון מיר גייט נישט אַוועק דאָס בילד פון דעם הויז. אפשר האָט ייִדיש אין תּל־אביב זוכה געווען בײַ יענעם טיש צו דעם וואַרעמסטן ווינקל, וואָס זי האָט געהאַט אין תּל־אביב. אויב דאָס געהערט צו די קולטור־היסטאָרישע פאַקטן, וויל איך דערמאָנען, אַז בײַ דעם טיש איז געזעסן זרובבל

זכרונו לברכה, צו דעם טיש פֿלעגט אַרויפֿקומען, אים צו לאַנגע יאָר, ערעם, בײַ דעם טיש זענען געזעסן אַברהם סוצקעווער און הערץ גראָסבאַרד, און מען האָט געהערט ייִדישע לידער. דאָ האָט מען געהערט שמועסן וועגן ייִדישער ליטעראַטור, דאָ האָט מען זיך געפֿרייט מיט יעדער דערגרייכונג און מיט יעדן אויפֿטו — דאָס איז געווען דאָס וואַרעמסטע ווינקל פֿאַר ייִדיש אין תּל־אָבֿיבֿ.

אַוודאי האָבן צו דעם צושטייַער געגעבן אַלע פֿון דער משפּחה ווערבער, אַלע זענען זיי געווען געבונדן מיט לײַב און לעבן מיטן זעלבן אינטערעס, מיט דער זעלבער וואַכזאַמקייט, מיט דער זעלבער טרײַהייט און מיט דער זעלבער ליבשאַפֿט.

אָן שום ספֿק, אַז אַבֿוש האָט דאָס אַ סך געלערנט פֿון זײַן באַוועגונג. אויב מען וויל בלײַבן טרײַ דעם היסטאָרישן אמת, דאַרף מען זאָגן, אַז די פּועלי־ציון מימי באָראָכאָוו, און דערנאָך זרובבֿל, האָט געהאַט חוץ פּראָגראַמען און חוץ פּלאַטפֿאָרמען און סאָציאַלאָגישע אַנאַליזן — אויך אַ גרויסע פֿאַרשטענ־דעניש פֿאַר ייִדישער שפּראַך און ליבשאַפֿט צו ייִדישער ליטעראַטור — און דאָס אַלץ האָט זי אַריבערגעטראָגן ווי אַ באַוועגונג קיין ישׂראל. און אַבֿוש האָט אײַנגעזאַפּט אין זיך די דאָזיקע יניקה.

איך מיין, אַז נאָך מער איז עס געווען זײַן אינערלעכער צושטײַער, ווי אַ ייִדישער עמיגראַנט קיין מערבֿ־אייראָפּע. יעדער ייִדישער עמיגראַנט פֿון פּוילן האָט דאָך מסתּמא דורכגעמאַכט אין דער פֿרעמד אַזאַ ראַנגלעניש מיט זיך אַליין, — אָדער פֿון אַסימילירן זיך, פֿון גיין לאיבוד ווי אַ ייִד, אָדער פֿון אָפּהיטן אין זיך די ייִדישע ווערטן. איך מיין, אַז די ליבשאַפֿט פֿון אַבֿושן צו ייִדישער ליטעראַטור איז געווען אַ רעזולטאַט פֿון דעם דאָזיקן עקשנותדיקן דרך זײַנעם אין דער פֿרעמד — אָפּצוהיטן דעם פּונק פֿון ייִדישקייט.

איך ווייס, אַז אין אַבֿושן האָבן זיך געראַנגלט אַ סך סתּירות, די סתּירות פֿון אונדזער צײַט. איך מיין, אַז די אַלע אַנטוישונגען, וואָס אַנדערע האָבן זיי דורכגעמאַכט בקולי־קולות — פֿלעג איך הערן פֿון אים מיט שטילע ווערטער. אַבֿוש פֿלעגט עס מיר זאָגן אַפֿילו מיט אַ פּאָליטישער פֿאָרמולע. אַזוי, למשל, האָט ער מיר געזאָגט: אַ מאָל האָט מען געמיינט, אַז דעמאָקראַטיע איז פּסול — הײַנט חלומען מיר ווי אַזוי מען קומט־צו צו דעמאָקראַטיע. אין דעם האָט זיך אויסגעדריקט זײַן קוק אויף דער וועלט, אויף די ענדערונגען.

אָבער אַזעלכע נאַטורן ווי אַבֿוש גייען נישט מיט דעם ביליקן וועג פֿון לײַכטע אַנטוישונגען, נאָר זוכן וועגן צו נײַע אויפֿשטײַגן, און דאָס איז געווען אויך אַבֿושס סוד פֿאַר זוכן שיינקייט, פֿאַר זוכן פּאָעזיע, פֿאַר זוכן ליטע־ראַטור, פֿאַר זוכן ניוואָ, פֿאַר זוכן אַ פֿעלד פֿאַר טעטיקייט אויף דעם געביט, כּדי

אַפּצופרישן אין זיך גלייביקע כּוחות. ער איז נישט געווען פון די ביימער, וועלכע פאַלן און גיבן זיך אונטער.

אָבער דאָס איז געווען זײַן גורל, זײַן לעצטער גורל — און מיך שוידערט פון דאַזיקן וואָרט זײַנעם, וואָס איך האָב געהערט פון אים אין קיבוץ עין־שמר דורכן טעלעפאָן. איך האָב געפרעגט: „וואָס מאַכט מען, אַבוש?" — „איך בין גרייט צו מאַכן אַן אָפּמאַך אויף נאָך איין יאָר..." — איז געווען דער ענטפער. אַט דער פּסוק שטעלט זיך קעגן „ברוך דיין אמת" און קעגן אַלע ענלעכע זאָגעכצער — ווײַל דאָס הייסט, אַז אין אים האָבן זײַן חוש און זײַן אינסטינקט פאַרן לעבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן.

אָט אַזוי זע איך אַבושן אין זײַן אינערלעכן געראַנגל פאַר שיינקייט, פאַר גוטע מידות צווישן מענטש און מענטש. איך קען קיין מאָל נישט פאַרגעסן זײַנע שפּאַצירן אין קיבוץ עין־שמר, ווו איך האָב אים געפילט ווי אַ הונדערט־פּראָצענטיקן בירגער. מיר האָבן געפילט אין אים חברשאַפט, און עס האָט זיך געצויגן אַ חברשאַפט פון זײַן הויז צו מיר אין קיבוץ.

איך זאָג: איך פיל אַ יתומדיקייט פון פאַרלירן נישט נאָר אַ פרײַנד, נאָר אַ גאַנצן אינדזל פון פרײַנדשאַפט, אַ גאַנץ הויז, אַ גאַנצן עלעמענט, וואָס איז אַזוי זעלטן אין אונדזער וועלט אין ישראל.

לאָמיר אים געדענקען!

אריה שמרי

הגם איך בין געווינט צו רעדן פאַר אַן עולם, קומט מיר אָן היינט זייער שווער צו רעדן וועגן אַבושן. כ'האָב מורא, אַז איך וועל נכשל ווערן, אַז איך וועל נישט אַרויסזאָגן דאָס אַלץ, וואָס זיין אייִדעלע געשטאַלט איז ווערט, אַז מען זאָל זאָגן. פאַר מיר איז אַבוש אַ טייל פון דער ראָמאַנטיק פון די יוגנט־יאָרן אין בעלגיע. שוין דעמאָלט האָב איך אין אים געזען די מערקווערדיקע פאַרקערפּערונג פון אויבערפלעכלעכע סתירות און פּאַקטישער שלימות.

ער איז געווען איינע פון די לירישסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס כ'האָב באַגעגנט אין מיין לעבן. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין ליריק פון סענטימענטאַליטעט, פון שטימונגען. דאָס איז געווען אַ ליריק פון לויטערקייט, פון קרישטאָל־רייניקייט פון כאַראַקטער, פון טיפן געבררום פון אַ בענקנדיק האַרץ. צוזאַמען מיטן ליריזם האָט ער פאַרמאָגט כאַראַקטער.

ווען צו מיר זענען דערגאַנגען די געשיכטעס וועגן אַנרי — און געהערט האָב איך עס פון יונגע חברים פון אַלע קרייזן — וועגן זיין אומגלייבלעכן מוט און אַנפירערישע אייגנשאַפטן, וואָס אַנטפּלעקן זיך אין פייער פון סכנה, איז דאָס פאַר מיר נישט געווען קיין איבערראַשונג.

עס זענען אַוועק יאָרן, און איך פיל זיך אַפילו שולדיק, וואָס אויך אין ישׂראל זענען אַוועק לאַנגע יאָרן, ווי מיר האָבן פאַרלאָרן דעם קאָנטאַקט. און ס'איז געווען מיין גרויס גליק, אין דעם שפּעטן זומער פון אונדזער לעבן, אפשר שוין אין די האַרבסט־דעמערונגען — צוריק זיך באַגעגענען ביים באַשיידענעם טיש פון פרץ־פאַרלאַג. און פאַר אַ מענטשן, וואָס איז געווען ווייט פון זיין קרייז און פון אים, האָבן זיך מיט אַ מאָל פאַר מיר אַנטפּלעקט די גרויסע אייגנשאַפטן פון דעם מענטש. אפשר איז דאָס געווען זיין טראַגעדיע, און אפשר זיין גרויסקייט, וואָס ער האָט נישט געקענט אויספאַרמירן אַלץ, וואָס איז געלעגן אין אים. איך האַלט אַבוש ווערבער פאַר איינעם פון די גרעסטע, טיפסטע און אינטימסטע קענער פון דער יידישער ליטעראַטור.

דאָ אין זאָל זיצן פּאָעטן און שרייבערס, וועלכע ער האָט אין משך פון אַלע יאָרן געאַכט. אָבער ער האָט געהאַט צו זיי אַ קריטיש־אַנאַליטישן צוגאַנג. ער איז געווען אייגנטלעך מערער פון אַ קריטיקער. ער איז געווען דער אידעאַלסטער, גאָטגעבענטשטער טיפּ פון אַ לייענער.

און געלייענט האָט ער נישט נאָר די גרויסע און אָנערקענטע. מיט וואָסער אויפמערקזאַמקייט האָט ער געלייענט אַ מאַנוסקריפּט. מיט זאָרגפעלטיקייט, פּעדאַנטישקייט, אָבער גלייכצייטיק מיט האַרציקייט. מיט וואָסער ערנסט האָט

ער זיך באַצויגן צו זײַן מיטגלידערשאַפט אין דער רעדאַקציע־קאָמיסיע פון פּרץ־פאַרלאַג. צו יעדן בוך איז ער צוגעגאַנגען בדחילו ורחימו, ווי צו אַ הייליקייט. כּדאַי צו דערמאָנען, אַז ער איז אויך געווען איינער פון די אײדלסטע קענער פון פראַנצייזישער ליטעראַטור. ער האָט געהאַט אַן אויער סײַ פאַר די קלאַסיקער און סײַ פאַר די נײַסטע בונטאַרישע נישט קאָנווענציאָנעלע שרײַבערס פון אונדזער צײַט.

שמרי, צו לאַנגע יאָרן, האָט שוין דאָ געזאָגט, אַז אַבוש האָט גערעדט העברעיִש נאָך איידער ער האָט גענוצט די שפּראַך. ער האָט געהאַט אויך אַ טיפע קענטשאַפט אין דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור.

חבר וואַסער האָט גאָרנישט געוווּסט ווי ער האָט געטראָפן, ווען ער האָט גערעדט וועגן אַבושן ווי אַ שטאָטסמאַן. ער האָט געהאַט אַ מערקווערדיקע פעיִקייט פון באַאיינפלוסן מענטשן. איך בין מיט אים געווען בײַם נשיא שז״ר זכרונו לברכה. כ׳האָב צוזאַמען מיט אים באַזוכט אויך אַנדערע וויכטיקע פּער־זענלעכקייטן, וואָס האָבן וואָס צו זאָגן בײַם דערמוטיקן און פאַרשפּרייטן קולטור, און ס׳איז געווען צו באַוווּנדערן זײַן אײַנפלוס. אפשר איז דאָס געווען צוליב זײַן גוטסקייט, זײַן איידלקייט, אפשר צוליב דער ווערדיקייט און דעם דרך־ארץ אַרום זײַן פּערזאָן. מיט וואָס פאַראַ חכמה, און גלײַכצײַטיק מיט וואָס פאַראַ פּראַקטישן חוש, איז ער צוגעגאַנגען צו באַהאַנדלען ענינים, וואָס קענען זײַן קליין און באַשיידן אין דער מינוט, אין דער צײַט, אָבער טראָגן אין זיך אַ גרויסן און היסטאָרישן ווערט.

ער האָט געהאַט אַ סך חלומות. און איך האָב לײדער מיט אים נישט גע־שמועסט אַזוי אָפט, ווי אַנדערע חברים. אָבער אים האָבן אַ סך זאַכן פאַרדראָסן, ווײ געטאָן. ער האָט פײַנט געהאַט ווולגאַריטעט, ציניזם, קאַריעריזם, און ער האָט געהאַט אַ זייער שאַרפן חוש פאַר געמאַכטער גרויסקייט, פאַר פּאָזע, פאַר מאַכט־גיריקייט, פאַר רשעות צו חברים. די אַלע דערשײַנונגען, וואָס לײדער, לײדער ליגן זיי זייער שאָטן אויף אונדזער ליכטיקער ישׂראלדיקער לאַנדשאַפט.

מיר זענען אים אַלע דאַנקבאַר פאַר אַ קוק פון זײַנע טרוימערישע שײנע אויגן, פאַרן צאַרטן שמייכל, פאַר זײַן פאַרגינען און פרייען זיך מיטן חברס דערפאָלג, פאַר שטופּן אַנדערע צו דער בינע און צום רעפלעקטאָר, און אַליין בלײַבן זיצן אין דער זײַט; פאַר זײַן פאַרשטענדעניש לגבי אונדזערע אַלעמענס שוואַכקייטן. ער האָט אונדז רײַכער געמאַכט... און יעדע טרער, וואָס ווערט פאַרגאָסן אויף זײַן קבר, איז אַ טרער פון ליבשאַפט. ס׳איז אים נישט באַשערט געווען קיין רויִקער סוף. איך ווייס נישט פאַר וועלכע זינד ער האָט געליטן

אַזעלכע אומגעהויערע יסורים. איך ווייס נישט, צי די טרערן, וואָס מיר פאַרגיסן צוזאַמען מיט זײַן משפּחה, זענען אַ טרייסט פאַר זיי. איך ווייס נאָר, אַז זיי דרינגען אַרויס פון טיפן האַרצן.

איך דריק אויס מײַן באַגער, אַז עס זאָל אָפּגעדרוקט ווערן אַ מאָנאָגראַפיע וועגן זײַן לעבן און שאַפן. צו פיל איז ער געווען למד־וואָווניק אין לעבן, זאָלן מיר אים כאָטש אויפשטעלן אַ מצבה. אַז דער וווּנדערבאַרער שבט, צו וועלכן איך האָב קיין מאָל נישט געהערט, אָבער צו וועלכן איך האָב שטענדיק געהאַט דעם טיפסטן דרך־ארץ, דער קעמפערישער אידעאַליסטישער און עקשנות־דיקער שבט, וואָס הייסט לינקע פועלי־ציון, זאָל אים פאַראייביקן אין דער גאַלעריע פון אי״רע באַרימטע זין.

מיר וועלן דאָס לייענען, געדענקען און שווײַגן — מיט טיפן אומעט און מיט טיפן דרך־ארץ.

בערל פרימער

מיט דרײַסיק יאָר צוריק זענען בײַ אַ געראַטעװעטן ייִד — געראַטעװעט פֿון געטאָ, לאַגער, חורבן — די חושים זײַנע אַ סך שפּירעװדיקער געװען װי איצטער. דער טויט האָט נאָך אין אים געלעבט. די געטאָ איז נאָך געװען זײַן שפּיגל. ער האָט נאָך אַליין געברענט אויפֿן שפּיגלס ברענענדיקן הינטערגרונט.

און דעמאָלט, בײַם באַקענען זיך מיט װעמען ס׳זאָל נישט זײַן, איז גלײַך אויפֿגעקומען די שאלה: װי אַזוי װאָלט דער נײַער מענטש זיך געהאַלטן אין די נסיונות פֿון טאָג־טעגלעכן אומקום?

איך האָב זיך באַקענט מיט אַבושן אין יאָר 1946 אויפֿן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל. און שוין בעת דער ערשטער באַגעגעניש האָבן מיר ביידע זיך געקענט קוקן אין די אויגן. כ׳האָב דערפֿילט — און מסתּמא אַבוש אויך — אַז דאָרטן, װוּ די מענטשלעכע נשמה איז אויסגעקערט געװאָרן אויף דער אַנדערער זײַט, װי אַ צעריסענער אַרבל, װאָלט אונדזער חברשאַפֿט אויסגעהאַלטן דעם נסיון.

דאָס איז געװען די בריק פֿון אונדזער פֿרײַנדשאַפֿט. אויף אָט דער בריק האָב איך זיך געטראָפֿן מיט אַבושן. אין ביידנס טרערן האָבן אָפּגעלויכטן אונדזערע פּנימער.

און אַ צװייטער חורבן־חוש האָט געפּלעמלט בײַ אַ געראַטעװעטן: װען ער איז אַרײַן אין אַ שטוב, אין דער אייגענער, צי בײַ אַ חבר, האָט ער זיך אינסטינקטיװ אַרומגעקוקט, געזוכט עפּעס... װאָס האָט ער געזוכט? אַן אָרט, אַ װינקל װוּ מע קאָן בויען אַ באַהעלטעניש.

אויך די ערשטע יאָרן דאָ אין לאַנד, בײַם אַרײַנקומען צו חברים, פֿלעג איך זיך אַרומקוקן װוּ מען קאָן דאָ אויסבויען אַ מאַלינע. און מערער נאָך: װוּ און װי אַזוי מע קאָן אויסגראָבן אַ באַהעלטעניש אין אַ מענטשלעכער נשמה: פֿאַרן געדאַנק, פֿאַרן אמת, און פֿאַר דער ליבשאַפֿט.

אַז כ׳בין געקומען אַ מאָל אין בריסל, פֿאַרבעטן פֿון די דאָרטיקע אָרגאַ־ניזאַציעס, און אַבוש מיט שפּרהן האָבן מיך אָפּגעװאַרט און געבראַכט אין אַ האָטעל — האָב איך צו זיי געזאָגט: נאָך װאָס דאַרף איך אַ קאַלטן האָטעל אַז איך האָב אין בריסל אַ װאַרעמע שטוב? און איך בין אַװעק װוינען צו די װערבערס.

און אַזוי האָט מיך גאָט געבענטשט מיט אַ חבר, װאָס אין די דרײַסיק יאָר פֿון אונדזער אומפֿאַרגלײַכלעכער פֿרײַנדשאַפֿט און אין אַלע טעג און נעכט פֿון די דרײַסיק יאָר, איז ניט געװען קיין שעה, קיין מינוט, אַז די גרויסע פֿרײַנדשאַפֿט זאָל פֿאַרטונקלט װערן; אין תּל־אָבֿיבֿ זענען מיר געװען שכנים, אַ גאַס איבער אַ גאַס, פֿלעגן מיר זיך אָפֿט באַגעגענען. אָבער מער נאָך װי איינער

בײַם אַנדערן אין דער היים — פלעג איך זיך באַגעגענען מיט אַבושן אין די גערדאַנקען. ער איז געוואָרן אַ טייל פון מיר. און אַזאַ איז ער געבליבן.

פרײַנדשאַפט — דאָס איז ניט ווען צוויי מענטשן גייען צוזאַמען און ריידן, אָדער האָבן בשותּפותדיקע אינטערעסן. פרײַנדשאַפט דאָס איז אַ פּאַרקניפּונג פון צוויי איינזאַמקייטן. פרײַנדשאַפט הייבט זיך אָן דעמאָלט, ווען דער וואָס באַוועגט אונדזערע געדאַנקען און געפילן, באַוועגט זיי צוזאַמען. און ביידנס איינזאַמקייט ווערט דעמאָלט וואַרעמער, ליבער, און מע קאָן מיט איר עפּעס אויפטאָן. מע קאָן די איינזאַמקייט אָטעמען און זי פאַרוואַנדלען אין פרייד.

בעת אַ באַגעגעניש מיט אַבושן האָב איך תּמיד איבערגעלעבט עפּעס אַזוינס, ווען דאָס איינזאַמסטע אין מיר איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אינספּיראַציע. אין שעפערישער פרייד.

אָנגעשריבן אַ ליד, פאַרענדיקט אַ פּאָעמע — איז אַבוש געווען דער ערשטער זיי צו הערן. מיט אַ דריטן אויער האָט ער אויפגענומען פּאָעזיע. ווערדליק די שמייכלען זײַנע און דעם צוק פון זײַנע שיינע, גוטע אויגן פלעג איך אָבסערווירן ווי אַזוי ער לעבט איבער איטלעכע שורה. ער האָט ניט געוווּסט, מײַן חבר, אַז איך פּרוּוו אויס אויפן געהער פון זײַן דריטן אויער מײַנע פּגימות; און אַוודאי האָט ער ניט געקענט וויסן, אַז ווערדליק דער בײַטעניש פון זײַנע שמייכלען, בײַט איך שפּעטער אַ וואָרט, אַן אויסדרוק...

אין רעגנצײַט האָב איך ליב געהאַט זיך צו טרעפן מיט אַבושן אין קליינע תּל־אביבער קאַפעטעריעס. אַז אַ ליד מײַנס האָט אים גאָר באַזונדער צוגע־טראָפן אָדער אַרײַנגעטראָפן, האָט זיך מיר צו מאָל געדאַכט, אַז ניט פון ערגעץ אַנדערש נאָר פון מײַן חבר גייט אויף אַ רעגן־בויגן.

און אַזוי דרײַסיק יאָר, פון אונדזער סאַמע ערשטער באַגעגעניש אין באַזעל ביז די לעצטע טעג אין ביילינסאָן־שפּיטאָל, ווען זײַן גוף איז געווען פאַר־וואָלקנט און צעפרעסן, האָט די נשמה זײַנע ניט אויפגעהערט צו שמייכלען מיט דער פרייד פון לעבן, מיט דער פרייד פון פּאָעזיע און חברשאַפט. און אַזאַ פריידיק־חברישן וועל איך אים תּמיד זען און ליב האָבן.

אַברהם סוצקעווער

אָפּרופן

חבר אַבוש ווערבער ז״ל

דעם 24סטן נאָוועמבער 1975 איז אין עלטער פון 67 יאָר אַוועק פון דער וועלט אונדזער טייַערער אַבוש ווערבער.

ער האָט נישט געהערט צו די ראשונים, אָבער ער איז אין זייַן דור און אויף זייַן אָרט געווען צווישן די ערשטע, און נישט זעלטן — אויך ממש דער ערשטער. נישט מחמת ער האָט זיך געשטופּט צו די פאָדערשטע שורות — פאַרקערט — ער האָט זיך קיין מאָל נישט געיאָגט נאָך קיין כּיבודים — נאָר ווייַל זייַנע מעשׂים און פאַרדינסטן האָבן אים אויף די פאָדערשטע שורות אַרויסגערוקט.

פון זייַן ערשטן יוגנטקרייַז אין ראַדאָם, מיט וועלכן ער האָט אָנגעפירט און ווו ער האָט געלערנט יונגע ייִדישע אַרבעטער די תּורה פון באָראָכאָוויזם, ביז דעם בכבודיקן אָרט אין דער אָנפירערשאַפט פון דעם ייִדישן ייִשוב אין בעלגיע, און שפּעטער אין דער געזעלשאַפטלעכקייט אין ישׂראל, איז זייַן וועג געווען אַ גראַדער, אַן אויסגעהאַלטענער, אָן זיגזאַגן און אָן אָפּווייכונגען: געטרייַשאַפט צום דערוואָרבענעם אַני־מאמין, צוגעבונדנקייט צום ציל, טיפער גלויבן אין די אמתן, פאַר וועלכע ער האָט זיך געראַנגלט — דערפון דער אָפּשיי, די אָנערקענונג, דער אָנזען, וואָס ער האָט זיך געשאַפן בייַ אַלע, בייַ אייגענע און בייַ פרעמדע, בייַ אידעען־חברים און בייַ אידעיִשע קעגנערס. אַלע, אַלע האָבן אים אָפּגעשאַצט, געשעצט און ליב געהאַט.

גרויס איז געווען זייַן השפּעה צווישן די יונגע ייִדישע אַרבעטער אין זייַן געבוירן־שטאָט. נישט לייַכט איז אין יענע יאָרן געווען צו פירן אַ פּועלי־ציו־ניסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן דער ייִדישער אַרבעטער־יוגנט אין אַ שטאָט, ווו ס׳זענען שטאַרק אַקטיוו געווען אי דער בונד אי די ייִדישע קאָמוניסטן. מ׳האָט געדאַרפט פאַרמאָגן אַ סך איבערצייַגונג, אַ סך פערזענלעכן צויבער, כּדי צו געווינען ייִדישע אַרבעטער, און ספּעציעל ייִדישע יוגנטלעכע, פאַר די אידעען פון באָראָכאָוויזם, וואָס ס׳איז נישט געווען אַזוי לייַכט מסביר צו זייַן. אָבער ווערבער האָט די דאָזיקע אייגנשאַפטן פאַרמאָגט, און דעריבער איז אַזוי גרויס געווען זייַן דערפאָלג. ס׳איז אין ראַדאָם אויפגעשטעלט געוואָרן אַ שיינע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, און אַבוש איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ מיטגליד פון אָרטיקן קאָמיטעט.

אָבער די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע אין פּוילן, און בעיקר די כּסדרדיקע פּאָליציי־רדיפות, האָבן אויך אַבושן געצוווּנגען צו נעמען דעם עמיגראַציע־שטאָק אין דער האַנט און ער קומט אין די לעצטע 20ער יאָרן אין בריסל. דאָ

עפנט זיך פֿאַר אים אַ נײַע וועלט, אַ פֿרעמדע, אַן אומבאַקאַנטע, אין וועלכער מ׳דאַרף זיך אַרײַנפּאַסן. צו די געוויינלעכע פּרנסה־דאגות פֿון אַ יונגן ייִדישן אימיגראַנט, צו דער פּאַרטיי־טעטיקייט, אין וועלכער ער וואַרפֿט זיך תּיכף אַרײַן, קומט צו נאָך איין דאגה: מ׳דאַרף זיך אויסלערנען די שפּראַך פֿון דעם לאַנד. און אַבוש איז אויך גובר די דאָזיקע שוועריקייט. האָט ער דאָך מיטגעבראַכט מיט זיך אַחוץ אַנדערע מעלות זײַנע אויך דעם דורשט צו לערנען, אויסצובריי־טערן זײַן וויסן, אַן אייגנשאַפֿט, וואָס האָט אים באַגלייט זײַן גאַנץ לעבן. און אַבוש ווערט אַ בן־בית אין דער פֿראַנצייזיש־בעלגישער גײַסטיקער וועלט, ער ווערט אויסגעבונדן אין בעלגישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן, אין די פּראָבלעמען פֿון לאַנד, דערנענטערט זיך צו דער אָרטיקער אַרבעטער־באַוועגונג, באַהערשט פֿראַנצייזיש און באַקענט זיך גאַנץ נאָענט מיט דער פֿראַנצייזישער ליטעראַטור.

און דאָס אַלץ — נישט אויפֿן חשבון פֿון זײַנע ייִדישע פֿאַראינטערעסירונגען. ער איז זייער אַקטיוו אין דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, געהערט צו אירע אָנפֿירנדיקע אינסטאַנצן. פֿון בעלגיע באַטייליקט ער זיך מיט אַרטיקלען אין דער וואַרשעווער „אַרבעטער־צײַטונג״. ער באַגרענעצט זיך אָבער נישט צו פּאָליטיש־געזעל־שאַפֿטלעכער טעטיקייט. זײַן אינטערעס פֿאַר ייִדישע קולטור־ענינים איז כּסדר וואַך. ייִדישע ליטעראַטור איז פֿאַר אים אַ טעגלעכע שפּײַז, ער איז אויסגעקאָכט און ממש פֿאַרליבט אין איר.

*

אין מײַ 1940 געפֿינט זיך אַבוש מיט זײַן פֿאַמיליע אין דער געגנט פֿון טולוז אין דרום־פֿראַנקרײַך, וווהין ער איז צוזאַמען מיטן שטראָם ייִדישע פּליטים אָנגעקומען נאָכן נאַצישן איבערפֿאַל איבער בעלגיע. ער בלײַבט אָבער דאָרט נישט לאַנג. ווען ס׳עפֿנט זיך אַ מעגלעכקייט צוריקצופֿאָרן קיין בעלגיע, נוצט ער זי אויס, און אָט איז ער צוריק אין בריסל, ווו ער וועט (אונטערן נאָמען אַנרי) אין משך פֿון פֿיר יאָר, צוזאַמען מיט נאָך חברים, פֿירן אַ ווידער־שטאַנד־אַרבעט קעגן דעם דײַטשן אָקופּאַנט, אין ענגער צוזאַמענאַרבעט מיט דער בעלגישער רעזיסטאַנס־באַוועגונג. די אַרבעט באַשטייט, דער עיקר, אין אָפּראַטעווען ייִדן פֿון דעפּאָרטאַציע, אין אויסבאַהאַלטן ייִדישע קינדער, און באַזאָרגן מאַטעריעלע הילף פֿאַר ייִדן אין זייערע באַהעלטענישן. אַבוש האַלט אַן באַציִונגען מיט חברים אין אויסלאַנד, גיט אַרויס צוזאַמען מיט נאָך חברים דאָס אונטערערדישע „אונזער וואָרט״, וואָס שטעלט צו די ייִדן אמתע ידיעות וועגן דער לאַגע. ער רופֿט זיי, אַז זיי זאָלן נישט טראָגן די געלע לאַטע, נישט

מעלדן זיך פרייוויליק אויף אַרבעט (דאָס הייסט אויף דעפּאָרטאַציע). אין דער אונ־טערערדישער אַרבעט וואַקסט ער אויס ווי אַ געזעלשאַפטלעכער טוער מיט אַחריות און געוואַגטקייט, און ווען ס׳שלאָגט אויס די שעה פון באַפרייַונג, איז ער דער דורך אַלעמען אָנערקענטער פירער פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג אין בעלגיע, און ווי אַזאַ פאַרטרעט ער זי אויף דער אויסעראָרדנטלעכער ציוניס־טישער באַראַטונג אין לאָנדאָן, באַלד נאָכן סוף פון דער מלחמה.

די פּאַרטיי אונטער אַבושס אָנפירערשאַפט נעמט שפּילן אַ גאַר אָנגע־זעענע ראָל אינעם ייִדישן ישוב אין בעלגיע, וועלכער נעמט זיך ביסלעכווייַז צוריק אויפבויען נאָך די שרעקלעכע אבידות וואָס ער האָט געליטן. אַבושס האַנט, אַבושס איניציאַטיוו פילט זיך אויף אַ סך אָפּשניטן פון ייִדישן און ציוניסטישן לעבן, ווי אויך אינעם רעאָרגאַניזירן די פּועלי־ציון־פּאַרטייען אין אייראָפּע. נישט ערגעץ אַנדערש ווי אין בריסל קומט פאָר די מערב־אייראָפּעיִשע און שפּעטער די אייראָפּעיִשע קאָנפערענץ פון די פּועלי־ציון פּאַרטייען, און דער לעבעדיקער גייַסט אויף זיי איז אַבוש.

עס גייען אַוועק פאַר אַבושן עטלעכע יאָר אינטענסיווע פּאַרטיי־און ייִדיש־געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין בעלגיע, און דאַן קומט דער געוואַגטער שריט — עליה. נאָך פריִער שיקט ער קיין ישׂראל זייַן נאָך גאָר יונגן זון משהלען. אין 1954 איז ער עולה מיט שפרהן און דאָ הייבט זיך אָן פאַר זיי אַ נייַ לעבן. די חבלי קליטה מוז ער דורכמאַכן, ווי יעדער נייַער עולה, ער גלידערט זיך אָבער שנעל איַין אין דער נייַער ווירקלעכקייט, מיט וועלכער ער איז שוין, אַגב, נאָך פריִער געווען ענג פאַרבונדן.

דאָ וואַרט אויף אים אַ טעטיקייט־געביט, וואָס איז פאַר אים אַזוי ווי אָנגעמאָסטן: דער נאָר וואָס געגרינדעטער י. ל. פּרץ־פאַרלאַג. וווּ נאָך ווי אין ישׂראל און בייַ דעם דאָזיקן פאַרלאַג קאָן אַבוש שטילן זייַן גרויסן דורשט נאָך ייִדישע ליטעראַטור און קולטור, וואָס ער טראָגט אין זיך כּל ימיו? ווידמעט ער זייַן הויפּט־אינטערעס דעם פאַרלאַג.

דער וווּקס פון פאַרלאַג איז אין אַ גרויסער מאָס אים, אַבושן, צו פאַר־דאַנקען. צו זייַן מיינונג הערט מען זיך צו מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. ער איז דאָך תּמיד אַזוי באַזאָכט, אַזוי איבערגעלייגט. ער ברענגט אָריגינעלע גע־דאַנקען. ער האָט וויזיע, שווונג, איניציאַטיוו. אין און אַרום דעם פאַרלאַג שאַפט אַבוש אַ וואַרעמע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אַטמאָספער פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איז אים אַזוי טייַער. ער דערמוטיקט יונגע דיכטערס, דערנענטערט ייִדישע שרייַבערס. בייַ זייַן זייַט שטייט שפרה, אַליין אַ ייִדישע

דיכטערין. זייער הויז ווערט שנעל אַ טרעפפּונקט פאַר ייִדישע פּען־ און גייַסט־מענטשן פון ישׂראל און פון אויסלאַנד.

*

ער איז געווען פול מיט לעבן און האָט מיט זייַן לעבנסלוסט און זייַן הומאָר אָנגעשטעקט אַנדערע. מיט זייַן שמייכל, מיט זייַן גוטמוטיקייט און זייַן איידל־קייט האָט ער געפאַנגען הערצער, געוווּנען סימפּאַטיע און פרייַנדשאַפט. אויסער־לעך — תּמיד ציכטיק, אָפּגעהיט, קאָרעקט, אינערלעך — תּמיד ערלעך, אויפריכ־טיק, באַשיידן, האָט ער בייַ אַלעמען אַרויסגערופן רעספּעקט, אַכטונג, ליבשאַפט. די וואָס האָבן אים נענטער געקענט, האָבן אויך געוווּסט וואָסער גאָלדן האַרץ ער האָט פאַרמאָגט, ווי ווייַט מענטש ער איז געווען, וויפל גוטסקייט ס׳איז אין אים געלעגן.

ער איז אַוועק זייַענדיק נאָך בייַ זייַנע פולע אינטעלעקטועלע כּוחות, פאַרמאָגנדיק נאָך זייַן גאַנצע ענערגיע און זייַן לעבנסלוסט.

און ס׳באַוויינען אים נישט נאָר זייַנע נאָענטסטע און זייַנע חברים, נאָר אויך אַלע די, וואָס האָבן אים געקענט. אַ באַווייַז דערפאַר — דער עטלעכע הונדערט קעפּיקער עולם, וואָס האָט אים מיט טרערן אין די אויגן באַגלייט אויף זייַן לעצטן וועג.

שלמה שווייצער

(פאָלקסבלאַט נר׳ 11, נאָוועמבער 1975)

נישטאָ מער אַבוש ווערבער ז״ל

דער טויט האָט אַרויסגעריסן איינעם פון אונדזערע נאָענטסטע און אינ־טימסטע חברים. טראָץ דעם, וואָס מיר אַלע, פריינד און באַקאַנטע, האָבן זיך געריכט אויף דעם אומפאַרמיידלעכן סוף, איז דאָך די ידיעה וועגן טויט פון אַבוש ווערבער געקומען ווי אַן אויפטרייסלונג. אַוועקגעריסן איז געוואָרן איינער פון די אַמאָליקע באַליבטע און געאַכטסטע פערזענלעכקייטן פון יידישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן אין בעלגיע — פון אָנהייב די דרייסיקער יאָרן, פון זיין קומען קיין בעלגיע, ביז זיין עליה קיין ישראל אין די ערשטע פופציקער יאָרן.

אין משך פון די אומגעפער 20 יאָר, וואָס ער האָט געלעבט אין בעלגיע און געווען דאָרט טעטיק, האָט ער, נאָך ווי אַ יונגער, 20־יאָריקער בחור, זיך גיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אָנפירנדיקע פערזענלעכקייט, קודם כל אין די רייען פון די דעמאָלט שטאַרקע לינקע פועלי־ציון און שפּעטער ווי אַ פאָרשטייער אין פאַרשידענע אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע יידישע אינסטיטוציעס.

עס איז נישט מעגלעך אויף דער הייסער מינוט צו מאַכן אַ סך־הכל פון זיין ברייזנדיקער טעטיקייט אין דער תקופה פון זיין לעבן אין בעלגיע. דאָס דאָזיקע קאַפּיטל פון זיין לעבן איז זיכער געווען דאָס סאַמע פרוכפּערדיקסטע אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויקייט. באַזונדערס דאַרף מען אונטער־שטרייכן זיין אימפּולסיווע טעטיקייט אויפן געביט פון יידישער קולטור און ליטעראַטור, וועלכער ער איז געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן און זי פאָרגעזעצט מיט דערפאָלג אין זיין נייער היים, אין מדינת ישראל, ביז צום סאַמע סוף פון זיין לעבן.

באַזונדער שטאַרק איז געווען די אַקטיוויקייט פון אַבוש ווערבער בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע אין בעלגיע. אַבוש ווערבער האָט אין יענער גרוי־ליקער צייט זיך אַרויסגערוקט אין פאָדערגרונט אינעם קאַמף פון דער רעזיסטאַנס קעגן נאַציזם.

אַבוש ווערבער האָט געהערט צו די סאַמע ערשטע גרינדער פון יידישן פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט, אָדער ווי מען האָט עס גערופן סע.דע.זשי. און געווען דאָרט טאָגטעגלעך אַקטיוו ביז דער באַפרייונג.

אַבוש ווערבער האָט ממש געפיבערט אין זיין טעטיקייט אין דער אונטער־ערדישער באַוועגונג. ער איז געווען פון די ערשטע אויפצוהייבן דעם אַרויסרוף און זיך געלאָזט אין קאַמף קעגן די געזעצן צו טראָגן די געלע לאַטע און קעגן די אָבליגאַטאָרישע פאַרשיקונגען אויף אַרבעט.

די ערשטע אידעע פון אַבוש ווערבער צו קעמפן דורך אויפקלערונגען קעגן דער פּאַרפירערישער און ליגנערישער פּראָפּאַגאַנדע, אַז ייִדן זאָלן זיך פריַיוויליק צושטעלן אויף פאַרשיקט צו ווערן אויף אַרבעט און אַז מען מיינט נישט מער ווי אַרבעט — איז געווען דאָס דערשייַנען פון זיַין אויסגאַבע אויף ייִדיש „אונ־זער וואָרט", וואָס איז אַרויס כּמעט רעגולער ביז דער באַפריַיונג (און אויך שפּעטער) ביַי שווערע און אומלעגאַלע באַדינגונגען.

עס איז שווער צו דערשטיקן און באַהערשן די טרערן, וואָס רייַסן זיך מיט צער, כאָטש מען האָט געוווּסט, אַז דער סוף איז אומפאַרמיַידלעך, דער גזר איז אַ באַשלאָסענער.

עס בליַיבט אונדז איבער מיט אָרעמע ווערטער צו טרייסטן די פאַראָבלטע, זיַין לעבנסבאַגלייטערין, די טאַלאַנטפולע דיכטערין שפרה ווערבער, זיַין זון משהלע מיט זיַין משפחה, און זייַנע אַלע נאָענטע און איבערגעגעבענע חברים.

ציוניסטישע אַרבעט־באַוועגונג אין בעלגיע און אין פראַנקרייַך

(„אונדזער וואָרט", פּאַריז, 3.12.1975)

דער פּאַרלאָשענער שמייכל

זינט איך געדענק אים, דעם חבר אַבוש ז״ל, זע איך אים תּמיד מיט דעם קלוגן שמייכל אויפן פּנים. אין אָט דעם שמייכל זײַנעם האָט זיך פֿאַרבאַהאַלטן סײַ האַרציקייט, סײַ זיכערקייט און אָט די צוויי זענען תּמיד געווען באַגלייט פֿון זײַן פֿריידיקן בליק.

נישט נאָר פּאַרטיי־ענינים, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אַ גאָלדענע קייט פֿון פּועלי־ציון איבער פּוילן, בעלגיע און אין די נאָך־מלחמה־יאָרן אין ישׂראל, און געקומען צום אויסדרוק בײַ יעדן צונויפֿטרעף מיט אים. זיי אויך. אָבער אַ באַזונדער בלאַט אין זײַן לעבנסבוך איז געווען דער קאַמף קעגן די פֿינצטערע נאַצי־האָרדעס.

אַבוש האָט געהאַט אויער און האַרץ אויסצוהערן יענעמס צער. ער איז געווען אַ סינטעז פֿון שאַרפֿן שׂכל און מענטשלעכער באַציִונג. ער פֿלעגט אויך אַרויסהעלפֿן אין אַן עת־צרה. אָט די דאָזיקע וואַרעמקייט, געטרײַשאַפֿט און אויסגעהאַלטנקייט אין געזעלשאַפֿטלעכן ווי אין פּריוואַטן לעבן, האָבן געצויגן צו זיך אַ סך ליבשאַפֿט.

פֿון זײַן אַלטער היים אין פּוילן האָט ער אַריבערגעבראַכט מיט הייסן אָטעם, איבער אַלע גרענעצן, ווו ס׳איז אים אויסגעקומען לעבן און ווירקן, דעם קאַמף פֿאַר אויפֿקום און המשך. אַ באַזונדער קאַפּיטל איז זײַן טיף וויסן, און דער עיקר — זײַן באַציִונג צום ייִדישן בוך, צו וועלכן ער האָט אַזוי פֿיל בײַגעטראָגן. ער האָט געזען אין ייִדישן בוך דעם געטרײַען המשך פֿון יענער צײַט, ווען ס׳האָט דערוואַכט אַ נײַ לעבן אויף דער ייִדישער גאַס, ווען דאָס בוך איז געוואָרן דער ליכטשטראַל אין דעם גרויען טאָגטעגלעכן לעבן אין פּוילן.

ס׳וועט נאָך אַוודאי אויסקומען אַ סך צו שרײַבן, צו פֿאָרשן און אויסשעפּן פֿון עבר אַבושס טוונגען אין דער חורבן און נאָך־חורבן־תּקופֿה, ווען אַבוש איז געווען אַרײַנגעטאָן אין איר מיטן גאַנצן ברען.

און דאָס בלעטל עליה, אַבוש אין ישׂראל. אויך דאָ — נאָענט, וואַרעם, משפּחהדיק צו די חברים, וואָס ער טרעפֿט דאָ און צו די וואָס קומען פֿון בעלגיע. אַלע געפֿינען בײַ אים דאָס פֿריינדלעכע, דאָס חבֿרישע, דאָס נייטיקע.

זאָלן אָט די באַשיידענע ווערטער פֿון דערמאָנונג זײַן אַ טרייסט פֿאַר זײַן ליבער משפּחה און פֿאַר אַלע, וועמען ער איז געווען אַזוי נאָענט און האַרציק. זאָל דער זכר זײַנער זײַן פֿאַרפֿלאָכטן אין דעם אויפֿגייענדיקן פֿרידלעכן לעבן אין ישׂראל.

יאָסל חריף

(„ישׂראל־שטימע", 14.1.76)

אַבושן לזכרון

דעם 24סטן נאָוועמבער 1975 איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון אונדז אין זייַן 67סטן לעבנסיאָר דער טייַערער חבר און פרייַנד, אַבוש ווערבער ע״ה.

ער האָט זיך שווער געראַנגלט מיטן טויט. מיר, די נאָענטסטע, האָבן געוווּסט דעם ביטערן אמת. ער, אַבוש, האָט געאַנט וועגן דער הארבקייט פון זייַן מצב. הדשים־לאַנג האָט ער בשום אופן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיטן מעדיציניש פסק־דין. עס איז געווען אַ ווייטיק צוזוזען, ווי ער פלעגט באַהאַלטן פאַר זייַנע נאָענטע די שווערע פיזישע יסורים. מיט ווערדיקן אויסדויער האָט ער געקעמפט פאַר זייַן לעבן.

מיט אַבושן איז אַוועק אַ הערלעכע געשטאַלט. שוין פון זייַן פריסטער יוגנט האָט ער אַרויסגעוויזן אַ זעלטענע קלאָרקייט פון געדאַנק. ער איז געווען אַ תּלמיד פון דער „בודע״, ווי מיר האָבן באַצייכנט דעם לאָקאַל פון דער ביב־ליאָטעק פון די לינקע פועלי־ציון אין ראַדאָם. דאָס איז געווען נישט בלויז אַ ביבליאָטעק, נאָר ממש אַן אוניווערסיטעט פאַר אונדז, יוגנטלעכע, וואָס האָבן געשלונגען די פאַרלעזונגען איבער מאַרקסיזם, פּאָליטישע עקאָנאָמישע, ייִדישע געשיכטע, ליטעראַטור — ייִדישע און וועלטלעכע. די רעפעראַטן זענען דיסקוטירט געוואָרן בייַ צוזאַמענקונפטן פון קלענערע און גרעסערע גרופּן.

אַבוש האָט שוין ווי אַ 17־יאָריקער בחור אַרויסגעוויזן אַ זעלטענע אויפ־נאַמס־פעיִקייט, אַליין געוואָרן אַ רעפערענט, מיט קלאָרע אייַנשטעלונגען צו געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, ווי צו קולטור־ליטעראַרישע פראַגן.

קומענדיק אין יאָר 1928 קיין בעלגיע אַלס 20־יאָריקער בחור, האָט ער זיך גלייַך געשטעלט אין דינסט פון זייַן פּאַרטיי, די לינקע פועלי־ציון, וווּ מ׳האָט אָנערקענט אַבושן ווי אַ פירנדיקע פערזענלעכקייט.

זייַן אייַנפלוס און השפּעה איז ווייַט איבערגעוואָקסן די ענגע פּאַרטיי־ראַמען. שפּעטער, אַלס פאָרשטייער פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס, האָט ער מערערע מאָל פאַרטראָטן זייַן פּאַרטיי אויף וויכטיקע קאָנפער־רענצן אויפן מערב־אייראָפּעיִשן קאָנטינענט.

אין 1940, אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע פון בעלגיע, האָט זיך אַבוש ערשט אַרויסגערוקט צום פּאַדערגרונט אין קאַמף קעגן נאַציזם. ער רעדאַגירט די צייַטשריפט „אונזער וואָרט״ אונטער די סאַמע שווערסטע אומלעגאַלע באַדינגונגען. ער איז געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן געוואָרפן דעם רוף קעגן

די געזעצן צו טראָגן די געלע לאַטע און קעגן זיך צושטעלן אויף צוואַנגס־אַרבעט, וואָס איז געווען אַ שווינדל אַרײַנצונאַרן די ייִדן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און גאַז־אויוונס.

מיט אַזאַ היפּשן געזעלשאַפטלעכן סטאַזש איז אַבוש מיט זײַן משפּחה אין 1954 אָנגעקומען אין ישׂראל. זײַנע פּאַרטיי־חברים האָבן דערוואַרט, אַז מיט דער צײַט וועט אַבוש אויך דאָ אין ישׂראל פאַרנעמען אַן אָנפירנדיקע ראָל אין דער באַוועגונג.

אָבער אין ישׂראל האָט אַ פּאַרטיי־טוער געדאַרפט ווערן אַ פּאַרטיי־פונקציאָנאַר, אַ פּקיד, זײַן אונטערגעוואָרפן די פּאַרטיי־באַשלוסן, מיט וועלכע ער איז נישט אַלע מאָל מסכּים געווען. הגם דיסציפּלינירט, איז ער קיין מאָל נישט געווען קיין דאָגמאַטיקער. ער איז געווען קעגן שאַבלאָן. פאַר אַבושן האָט געזעלשאַפטלעכע אַרבעט באַדײַט פּריווילעגיע און אומאָפּהענגיקייט — מאָראַליש, פּאָליטיש און מאַטעריעל.

כאַראַקטעריזירנדיק אַבושן בײַ אַ גרעסערן צוזאַמענקום בײַ מיר אין הויז לכבוד מערערע געסט פון אויסלאַנד, האָב איך געזאָגט:

„אַבוש האָט פאַרפעלט אַן עליה... וואָלט ער געקומען מיט דער צווייטער אָדער אַפילו דריטער עליה וואָלט ער געווען אַ מיטגליד אין כּנסת, אָדער גאָר אַ מיניסטער, ווײַל ער פאַרמאָגט די קוואַליטעטן און אייגנשאַפטן פון אַ שטאַטסמאַן".

אַבוש האָט זיך געפילט געשמייכלט און דערבײַ געמאַכט אַ סאַרקאַסטישע באַמערקונג: „דאָס וואָלט דאָך געהייסן זײַן אַ פונקציאָנאַר, לעבן אויף קהלס חשבון. און דאָס האָב איך קיין מאָל נישט געוואָלט".

האָט ער זיך טאַקע גאַנץ לײַטיש געפּלאָגט די ערשטע יאָרן אין ישׂראל, כּדי זיך אָוועקצושטעלן עקאָנאָמיש.

זײַן געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט ער געווידמעט דער שאַפונג און אַנטוויקלונג פון י. ל. פּרץ־פאַרלאַג. דאָ האָט ער אָוועקגעגעבן זײַן גאַנצע ענערגיע. ליבע צו שיינער ליטעראַטור אין אַלע זשאַנערן פונעם ליטעראַרישן שאַפן איז בײַ אים געווען אַ צווייטע נאַטור. מיט זײַנע מיינונגען האָבן זיך גערעכנט די סאַמע וויכטיקסטע פּאָעטן און קולטור־שעפער. צו זײַן קריטיק האָט מען זיך צוגעהערט ווי צו די מיינונגען פון אַן עקספּערט, ווײַל ער האָט אַלע מאָל אָפּגעשאַצט אַ ווערק לויט זײַן קינסטלעריש־ליטעראַרישן ווערט. דאָס קאָלעגיום אין י. ל. פּרץ־פאַרלאַג האָט באַוווּנדערט מיט וואָס פאַראַ ערנסט ער

האָט דורכגעלייענט אַ בוך, כּדי צו באַשטימען, צי עס איז ווערט צו טראָגן דעם נאָמען פון י. ל. פּרץ־פאַרלאַג. די שרײַבערס האָבן אים געאַכט און ליב געהאַט פאַר זײַן אָביעקטיווקייט, ברייטהאַרציקייט און הילף פאַר טאַלאַנטפולער שעפערישקייט.

ווי אַ חבר און פרײַנד איז נישט געווען זײַנס גלײַכן. עס איז געווען אַ נחת־רוח מיט אים זיך אונטערצוהאַלטן, אַזוי וועגן טעגלעכע פּאָליטישע אַנט־וויקלונגען, ווי וועגן קונסט און פילאָזאָפיע. ער האָט געהאַט אַן אָבסערוואַציע־כּוח און חכמה צו קאָמענטירן געשעענישן און מאַכן געשיכטלעכע פּאַראַלעלן.

ווּ ער איז נאָר געקומען, האָט ער אַרײַנגעברענגט פרייד, גלויבן, און אַלץ אויף זײַן אייגנאַרטיקן הומאָרפולן אופן — אַ סך מאָל מיט סאַרקאַזם און חוזק צו די צווייפלערס און קלאָגמוטערס, וועמען ער האָט גערופן „קראַקלערס".

זײַנע ווערטלעך זענען געווען אַ שם־דבר, ווי למשל: „הלוואי האַלטן מיר שוין אַזוי מיט כּלל־ישׂראל ווי מיט ר׳ ישׂראל", אָדער: „איך פאַרהאַנדל וועגן טוישן דעם דור. דער יונגער וואָלט מיך נאָך אַרײַנגענומען, נאָר דער אַלטער וויל מיך נישט אַרויסלאָזן" און נאָך צענדליקער אַפאָריזמען און ווערטער־שפּילן.

בײַ די שלושים, ווּ עס זענען אַרויסגעטראָטן שרײַבערס און געזעלשאַפט־לעכע טוער, איז געוואָרפן געוואָרן דער געדאַנק דורך ד״ר בערל פרומער, אַז עס זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אַ מאָנאָגראַפיע וועגן אַבוש ווערבער, ווי אויך זײַנע אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען איבער ליטעראַטור, קונסט און געזעלשאַפט־לעכע פּראָבלעמען.

פּאַראַבעלט איז געבליבן די גאָר גרויסע צאָל פון זײַנע נאָענטע חברים, פרײַנד, שעפער און ליבהאָבער פון יידישע קולטורווערטן, אין ישׂראל ווי אין די תּפוצות. בעיקר זענען געבליבן פאַראָבלט זײַן פרוי, די דיכטערין שפרה ווערבער, זײַן זון משהלע און די גאַנצע ווערבער־משפּחה.

ערע זײַן ליכטיקן אָנדענק.

בצלאל קאַסטנער

(„ראַדאָמער שטימע", מערץ־אַפּריל 1976)

מײַן חבר אַבוש װערבער ז״ל

איך קאָן קוים האַלטן די פּעדער אין האַנט צו שרײַבן די עטלעכע שורות. נישטאָ מער מײַן חבר אַבוש. װער האָט זיך געזאָלט ריכטן, אַז מיר װעט אויס־קומען װעגן אים צו שרײַבן די הײַנטיקע פּאַר װערטער? שװער צו גלייבן. דער ענערגישער, דער אימפּעטפּולער אַבוש, װאָס איז ממש געװען די סאַמע פּאַרקער־פּערונג פון לעבן, זאָל פּלוצעם פאַרשװינדן פון האָריזאָנט.

מיר האָבן די לעצטע יאָרן געלעבט װײַט איינער פון צװייטן — ער אין ישׂראל און איך אין אַרגענטינע. איך האָב כּסדר געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז אָט, אָט כאַפּ איך זיך אַריבער קיין ישׂראל, װעל זיך באַגעגענען מיט אים, זיך דערפרייען, אַדורכשמועסן זיך איינער מיטן צװייטן, זיך טיילן מיט אַ לעבן דערפאַרונגען — איז געקומען דער טויט און פאַרשניטן זײַן לעבן.

אונדזער פרײַנדשאַפט האָט אָנגעהאַלטן פון די יוגנטיאָרן אָן. זײַן לעבן איז שוין דעמאָלט, אין די צװאַנציקער יאָרן פון הײַנטיקן יאָרהונדערט, געװען אויס־געפילט מיט חלומות און שטרעבונגען פאַר דערלייזונג און גליק פאַר דעם ייִדישן פאָלק און קודם־כּל פאַר די אָרעמסטע צום מייסטן לײַדנדיקע מאַסן.

פּערזענלעך לעבן און פּערזענלעכע צילן האָבן פאַר אים נישט עקסיסטירט. ער איז געװען בראשו ורובו איבערגעגעבן זײַן ציל צו העלפן לייזן די קאָמפּלי־צירטע און פאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמען פון ייִדישן פאָלק. געשװוּמען אויף די כװאַליעס פון דעם שטאַרק אַנטװיקלטן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין פּױלן — האָט ער זיך באַצײַטנס דערהויבן צו זײַן איינער פון די װיכטיקסטע װאָרטזאָגער בײַ דער יוגנט פון אונדזער דור.

נאָך ראַדאָם, אויף דער עמיגראַציע, האָט דאָס לעבן אונדז צעשיידט. ער אין בריסל און איך אין פּאַריז. מיר האָבן אָבער קיין מאָל נישט איבערגעריסן דעם קאָנטאַקט צװישן זיך. נאָך מער, זײַענדיק געאָגראַפיש אָפּגעטיילט איינער פון צװייטן, האָב איך נאָך מער געפילט זײַן נאָענטקייט, זײַן איבערגעגעבנקייט און זײַן חברישע זאָרג װעגן מיר, װײַל אַבוש איז געװען נישט בלויז דער מענטש פון אינטענסיװער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, נאָר אויך אַ טרײַער און איבערגעגעבענער חבר, װעמען עס האָט שטאַרק אינטערעסירט דאָס פּער־זענלעכע לעבן פון זײַנע נאָענטע, זייער מאַטעריעלער מצב, און אָפט מאָל נאָך מער װי זײַנע אייגענע פּרנסה־פּראָבלעמען.

ער אין בעלגיע און איך אין פּאַריז, אָבער איך האָב געזען און געפילט זײַן װאַקסן און דערהויבן זיך. איך האָב זיך געפרייט מיט זײַן גײַן פאָרויס און געשעפּט נחת פון זײַן שטײַגן.

נאָך אין די יונגע יאָרן, זײַענדיק אין ראַדאָם, האָב איך פאַרגעפילט אין אַבושן, אַז ער וועט נישט בלײַבן שטיין אויף איין אָרט. איך האָב שוין דעמאָלט געאַנט, אַז ער וועט דעם פרימיטיוון אַלטפרענקישן חדר לאָזן ווײַט הינטער זיך און דעראָבערן מיט אייגענע כּוחות זײַן בילדונג און זײַן גאַנג אין לעבן. מיט אַ גאַר קליינעם באַגאַזש וויסן איז ער אַרײַן אין ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. סיסטעמאַטישע בילדונג, מיטלשול, הויכשול, זענען געווען פרעמדע זאַכן פאַר אים. ער האָט וועגן דעם בלויז געהערט און געוווּסט, אַז דאָרט גייען נאָר קינדער פון פאַרמעגלעכע פאַמיליעס. אָנהייבנדיק גאַנץ יונג צו אַרבעטן, האָט ער געמוזט אויסקעמפן נישט בלויז זײַן טאָגטעגלעך ברויט, נאָר אויך זײַן עלעמענטאַרן וויסן און ערשטע ידיעות וועגן אַלץ, וואָס רינגלט אים אַרום. ער האָט אָבער געהאַט די פעיִקייט צו שעפן וויסן פון לעבן גופא, פון יעדער געשעעניש. יעדע פאַרזאַמלונג, יעדער געזעלשאַפטלעכער צונויפקום, יעדע געשעעניש אין נאַציאָנאַלן אָדער אינטערנאַציאָנאַלן פאַרנעם איז פאַר אים געווען אַ קוואַל צו באַרײַכערן זײַן לעבנס־פּראַקטיק און אויסקריסטאַליזירן זײַנע אַנשויונגען. ער האָט אַ סך געלייענט, סײַ שיינע ליטעראַטור, סײַ סאָציאָלאָגיש־וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור און געהאַט די פײַנע אינטויִציע אַרויסצונעמען פון יעדן געלייענטן ווערק דאָס גרונטיקסטע, דאָס תּוכנדיקע, דאָס וויכטיקסטע, און דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו דערקענען טיפער און בעסער דעם מענטשלעכן מין, זײַנע מעלות און פעלערן און אַנאַליזירן מיט אַ קריטיש אויג יעדע נײַע געזעלשאַפטלעכע דערשײַנונג און אויספאַרמירן דעפיניטיוו זײַן לעבנס־פילאָזאָפיע.

ער אין בעלגיע און איך אין פראַנקרײַך, אָבער דאָך האָבן מיר זיך אָפט באַגעגנט. ער איז געקומען פון צײַט צו צײַט קיין פאַריז אין געזעלשאַפטלעכע שליחותן אָדער צו וויכטיקע קאָנפערענצן. יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען, איז עס געווען פאַר אונדז אַ גרויסע אינטימע געשעעניש. די וואָכנטעג האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין יום־טוב.

זײַן קומען צו אונדז האָט אַרײַנגעברענגט אין שטוב אַרײַן אַזאַ אינטימע באמת רוחניותדיקע פרייד, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט גליק און לײַטזעליקייט. זײַן הומאָר, זײַנע באַמערקונגען, וואָס האָבן גענוי אַרײַנגעפאַסט אין געהעריקן מאָמענט, האָבן דערגרייכט אין אַלע ווינקעלעך. עס האָט זיך געדוכט, אַז אין שטוב איז געוואָרן ליכטיקער, גרוימער, אַז עס שוועבן אין דער לופטן כּמעט פאַרווירקלעכטע חלומות און זיסע האָפענונגען, נאָר מיט דער האַנט צו דערגרייכן, לײדער זענען אַזעלכע יום־טוב־טעג נישט געווען קיין סך.

שפעטער האָט דאָס לעבן אים געפירט קיין ישׂראל און מיך האָט עס פאַר־

פּירט קיין אַרגענטינע. דאָס איז געווען מיט קנאַפּע 23 יאָר צוריק. אונדזערע פּערזענלעכע קאָנטאַקטן האָבן אויפגעהערט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ בריוו־אויסטויש. אין אונדזערע בריוו האָבן מיר חוץ פּערזענלעכע פראַגן באַרירט מערסטנטייל ישׂראל־פּראָבלעמען. אין זײַנע בריוו האָט ער מיטגעווייטיקט מיט די פאַמיליעס, וועמענס קינדער זענען אומגעקומען בײַם פאַרטיידיקן די מדינה.

ער איז געווען אַדורכגענומען ביז די טיפענישן פון זײַן נשמה מיטן גורל פון מדינת ישׂראל, געהאַט טענות צו מיר: ווי לאַנג איז דער שיעור צו שרײַבן בריוו? קומט קיין ישׂראל און מיר וועלן זײַן צוזאַמען.

און איצט איז ער פאַרשווונדן, אַוועק פון אונדז אויף אייביק.

שטענדיק ווען איך האָב מיר פאָרגעשטעלט אין געדאַנק דעם טיפּ פון אַ ייִדישן רעוואָלוציאָנער, וואָס שטייט שטאָלץ און מוטיק אין קאַמף נישט בלויז פאַר סאָציאַלן יושר, נאָר אויך פאַר דער לייזונג פונעם אָנגעווייטיקטן ייִדיש־נאַציאָנאַלן פּראָבלעם — אין קאַמף, אַז אין דער צוקונפטיקער אויסגעחלומטער אָרדענונג פון סאָציאַלער גלייכהייט און אַלמענטשלעך גליק זאָל אונדזער ייִדישע שטימע אויך געהערט ווערן, זאָל אונדזער ייִדיש ליד אויך געזונגען ווערן, זאָל אונדזער ייִדישע אַלזייטיקע שעפערישקייט פאַרנעמען זײַן געהעריקן, פּלאַץ — דעמאָלט איז מיר אויפגעקומען אַבוש פאַר די אויגן מיט זײַן צילבאַוווּסטקייט און זײַן שטאַרקן ווילן דאָס צו דערגרייכן.

מײַנע עטלעכע ווערטער אויפן פרישן קבר פון מײַן טײַערן חבר זענען בלויז אַ ברוכטייל פון זײַן לעבן. סוף־כּל־סוף זענען מיר געווען אַלע יאָרן געאָגראַפיש ווײַט איינער פון צווייטן און איך האָב נישט געקאָנט פּרטימדיק נאָכפאָלגן זײַנע טאָגטעגלעכע אַקטיוויטעטן.

אַבוש, אַבוש, אַבוש — נישטאָ מער אַבוש.

נטע וואַקסמאַן

(„ראַדאָמער שטימע", מײַ 1976)

אַבוש װערבער, פון די פירער פונעם „פּרץ־פּאַרלאַג״, איז געשטאָרבן אין ישׂראל

פון תל־אביב קומט די טרויעריקע ידיעה, אַז דאָרט איז נאָך אַ לאַנגער קראַנקייט געשטאָרבן דער אָנפירנדיקער טוער פונעם „פּרץ־פאַרלאַג״, אַבוש װערבער.

דער פאַרשטאָרבענער איז געװען איינער פון די זעלטענע פּערזענלעכקייטן פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט פון אונדזער צײַט. איידער ער האָט זיך באַזעצט אין מדינת ישׂראל איז ער געװען בעת דער מלחמה דער אָנפירער פון דער ייִדישער רעזיסטאַנס־באַװעגונג אין בעלגיע. אַ דאַנק זײַן איבערגעגעבנקייט זענען אַ סך טויזנטער קינדער אָפּגעראַטעװעט געװאָרן פון די נאַצישע רוצחים. אין יאָר 1954 באַזעצט ער זיך מיט זײַן משפּחה אין מדינת ישׂראל און דאָרט װאַרפט ער זיך אַרײַן מיט גרויס אײַפער אין דער אַרבעט אויפצושטעלן און אַנטװיקלען דעם פּרץ־פאַרלאַג, װאָס איז מיט דער צײַט געװאָרן דער גרעסטער ייִדישער פאַרלאַג אין דער װעלט.

אַבוש װערבער איז זײַן גאַנץ לעבן געװען אַ פּועלי־ציוניסט (פון די לינקע פּועלי־ציון) און איז געװען אַן איבערגעגעבענער פרײַנד פון די שאַפער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. אין די לעצטע יאָרן האָט ער זיך באַזונדערס מתעסק געװען מיט די ייִדישע שרײַבערס, װאָס זענען געקומען פון סאָװיעט־רוסלאַנד.

דאָס הויז פון די װערבערס איז געװען אַן אמתער בית־ועד לחכמים. כּמעט אַלע ייִדישע שרײַבערס, דיכטערס און קינסטלערס זענען דאָרט געװען אָפטע אײַנגייער.

זײַן טויט אין עלטער פון 67 יאָר האָט אַרויסגערופן גרויס טרויער אין ישׂראל און אויך אין די קולטור־קרײַזן אין אַלע ייִדישע ייִשובים.

ער האָט פאַריתומט זײַן פרוי, די ייִדישע דיכטערין שׂרה װערבער, און זײַן זון און שנור מיט צװיי אייניקלעך.

(„פאָרװערטס״, ניו־יאָרק)

✶

אַבוש ווערבער, פון די קאָלירפּולסטע געשטאַלטן אינעם ישׂראלדיקן געזעל־שאַפטלעך־קולטורעלן לעבן, איז דעם 24סטן נאָוועמבער געשטאָרבן אין תּל־אביב.
געבוירן אין ראַדאָם אין 1908. פון 1929 ביז 1954 געלעבט אין בריסל. אַקטיוו געווען אין דער לינקער פּועלי־ציון־באַוועגונג. בעת דער וועלט־מלחמה — אין דער רעזיסטאַנס. אַרויסגעגעבן אין דער אונטערערד אַ ייִדישע צײַטונג.
אין יאָר 1954 — עולה געווען צוזאַמען מיטן געראַטעוועטן זון, משה, און זײַן פרוי, די דיכטערין שפרה ווערבער, קיין ישׂראל. איינער פון די גרינדערס פון י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין תּל־אביב. פון צײַט צו צײַט געשריבן אַרטיקלען. אַ פאַרליבטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור — האָבן אים ייִדישע שרײַבערס געשעצט און ליב געהאַט.

(„די גאָלדענע קייט", נר' 88 — 1975)

אַ בריוול אין רעדאַקציע וועגן אַבוש ווערבער ז״ל

חשובע רעדאַקציע,

דורך אַ נאָטיץ אין „פאָרווערטס״ און דורך דער דערהאַלטענער „ישׂראל שטימע״ האָב איך זיך דערוווּסט וועגן פריצײַטיקן טויט פון מײַן לאַנדסמאַן און יוגנט־חבר אַבוש ווערבער.

איך האָב אים געקענט אין אונדזער היימשטאָט ראַדאָם ווי אַ יונגן חבר פון דער „יוגנט״ בײַ די לינקע פועלי־ציון.

מיר האָבן זיך געטראָפן אין תל־אביב אין 1970 און עס האָט מיר שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס אַבוש ווערבער איז געוואָרן אַ באַדײַטנדיקער פירער אין דער ייִדישער קולטור־באַוועגונג אין ישׂראל און ספּעציעל אינעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג.

און איצט איז ער מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. זאָל אָט דאָס בריוול זײַן ווי אַ שטילע טרער אויף זײַן פרישן קבר און אַ טרייסטוואָרט צו זײַן פרוי, דער דיכטערין שפרה ווערבער, זײַן זון און שנור מיט די צוויי אייניקלעך.

כּבוד זײַן ליכטיקן אָנדענק!

נתן דוד קאַרמאַן

פילאַדעלפיאַ, 14.12.75

(„ישׂראל־שטימע״, 31.12.75)

מײַן ליבער ח׳ ערעם!

ווי נאָר כ׳האָב דערהערט דײַן שטימע אין טעלעפאָן, האָב איך באַלד פאַר־שטאַנען, אַז דו ווילסט מיר אָנזאָגן די טרויעריקע בשׂורה, אַז אַבוש איז מער נישטאָ. ווען כ׳זאָל קענען אויסלאָדן מײַן ביטער האַרץ צום רבונו־של־עולם, אַזוי ווי עס האָט דאָס געטאָן לוי יצחק בערדיטשעווער, וואָלט איך אים אויך געפרעגט די האַרבע פראַגע: פאַר וואָס? פאַר וואָס האָסטו גערופן צו זיך אַזוי פריצײַטיק אַבושן? ער האָט דאָך בלויז גוטס געטאָן אויף דער וועלט, פאַר וואָס האָסטו זיך אָנגעלייגט דווקא אויף אים? און דער רבונו של עולם וואָלט געשוויגן, ווײַל וואָס וואָלט ער דען מיר געהאָט צו ענטפערן? און אפשר האָט ער געהאַט אַ טעות?

נישט צו פאַרשטיין און נאָך שווערער איז עס אויפצונעמען, אַז אַבוש איז אַוועק פון אונדז אין זײַן בליִענדיקן עלטער, אין דער צײַט ווען מיר האָבן זיך נאָך אַזוי פיל געבייטיקט אין אים. עס קומען מיר אויפן זכרון די פערזענלעכע צוזאַמענטרעפן מיט אים, בעת וועלכע ער האָט מיך געפרוווט איבערצײַגן וועגן דער נויטווענדיקייט אויפצוהאַלטן דעם פּרץ־פאַרלאַג, צו וועלכן ער האָט אַזאַ גרויסן בײַשטײַער געגעבן, און דער עיקר וועגן דער נויטווענדיקייט פון אויפ־שטעלן אונדזער, ער האָט פיל מאָל אונטערגעשטראָכן אונדזער, הויז אויף ברענער־גאַס 14. און נאָך האָט ער מיר געזאָגט: געדענק, אַז אויף דיר ליגט אַ גרויסע אַחריות, דו מוזט אַלץ טאָן, אַז דער פּראָיעקט פון ברענער־גאַס 14 זאָל רעאַליזירט ווערן און דו מוזט קומען כּדי מיט דעם אָנצופירן. מיר האָבן קיין מאָל וועגן עפּעס אַנדערש נישט גערעדט, גלײַך ווי מיר וואָלטן זיך פאַר־שטאַנען שטילערהייט, אַז פאַר אונדז איז פאַראַן בלויז איין ציל: דאָס זענען אונדזערע אינסטיטוציעס, ווי אַ לעבעדיקער עדות פון אונדזער עקסיסטענץ.

און אַט האָבן מיר שוין אָנגעהויבן די רעאַליזאַציע פון אונדזער אַמביציעזן פּראָגראַם, אָבער אַבוש האָט שוין נישט זוכה געווען צו זען דעם אָנהייב פון די אַרבעטן. דערפאַר איז אונדז צוגעקומען נאָך אַ נאָמען צו פאַראייביקן אין דעם נײַעם הויז, וועלכן מיר שטעלן אויף און פון וועמענס איניציאַטאָרן עס איז געווען אַבוש.

שווער, זייער שווער משלים זײַן מיטן געדאַנק, אַז מער וועל איך שוין אַבושן נישט זען. ער איז דאָך געווען אַזוי באַליבט בײַ אַלע חברים; זײַן פּער־זענלעכקייט האָט צו זיך אַרויסגערופן שטענדיק דעם גרעסטן רעספּעקט, אַפילו בײַ די, וועלכע האָבן אים נישט נאָענט געקענט. ווײַל ווי האָט וועגן אים גע־

שריבן זרובבל ז"ל: „ער האָט געהאַט חכמה און טאַקט און געוואַגטקייט — דריי מעלות, וועלכע זעלטן זענען נישט געגעבן געוואָרן יעדן מענטשן". ער האָט זיך קיין מאָל נישט אויפגערעגט אין דער באַציִונג צו חברים און תּמיד געפּרוווט איבער־צייגן ווען מען איז מיט אים נישט מסכּים געווען. ער איז געווען אַ רודף־שלום און דורך דעם אָנגעהאַלטן די גאַנצקייט פון אונדזער שבט.

איך שרייב די דאָזיקע פּאָר ווערטער נישט ווי אַ הספד, ווייל ווי שוין געזאָגט, קען איך אַלץ נישט משלים זיין מיטן געדאַנק, אַז דער טייערער אַבוש איז מער נישטאָ. זיין שיין נאָבל פּנים שטייט מיר פאַר די אויגן און עס דאַכט זיך מיר, אַז כ'רעד מיט אים. ביי מיין לעצטן באַזוך אין ישראל, ווען כ'האָב זיך מיט אים געזעגנט אין טעלעפאָן, האָט ער מיר געענטפערט מיט פאָלגנדיקע ווערטער ווען כ'האָב אים געפרעגט וועגן זיין געזונט: „הלוואי זאָלסטו זיך פרייען מיט מיין געזונט ווערן, ווי איך האָב זיך געפרייט מיט דיין געזונט ווערן". יאָ, איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם אופן, ווי ער האָט מיך אויפגענומען נאָך דעם, ווען איך אַליין בין אַרויס פון שפּיטאָל. די פרייד זיינע איז געווען אָין לשער. ליידער קען איך זיך נישט פרייען מיט זיין געזונט ווערן און ליידער מוז איך פאַרגיסן אַ סך טרערן אויף זיין פרישן קבר.

מיין ליבער ערעם, דו ביסט ביי אונדז פון די עלטסטע חברים, און כ'פיל, ווי שווער עס איז דיר איבערצוטראָגן אַזאַ שווערע אבידה, פּונקט ווי דאָס איז שווער פאַר אונדז אַלע. אָבער לאָמיר זיך טרייסטן דערמיט וואָס מיר קענען לכל הפּחות אויספירן זיין צוואה און מיר וועלן אויך קענען פאַראייביקן זיין נאָמען אין בית פּועלי־ציון.

זיי מיר האַרציק געגריסט און איך ווינטש דיר אַריכת ימים.

דיין מרדכי לערמאַן

פּאַריז, 27.11.75

אַבוש ווערבער ז״ל — אַ וואָרט פון טיפן האַרצן

דײַן ליכטיקע געשטאַלט — דײַנע שטענדיק שמייכלדיקע אויגן, דײַן האַרציק און פול מיט חן געלעכטער — שטייט מיר נאָך פאַר די אויגן, פון אונדזער ערשטער באַגעגעניש, ווען כ׳האָב געהאַט דאָס גליק דיך צו באַקענען, דאָס איז געווען אַנהייב חודש יוני 1945, אין בריסל. דײַן היים אויף די צעזאַר דע פּאַפּ נומ. 5 איז געווען נישט נאָר דאָס וווינאָרט פון דיר און דײַן משפּחה, נאָר אַ היים, ווו עס איז זיך צוזאַמענגעקומען דאָס בעסטע פון דעם ייִדישן ייִשוב אין בעלגיע, און באַזונדערס אין בריסל. מײַן לשון איז צו אָרעם, כּדי צו געפינען דעם ריכטיקן אויסדרוק און שילדערן די וואַרעמקייט, די באַציִונג, דעם האַרציקן אויפנעם. דײַן טיר איז תּמיד געווען אָפן פאַר אַלעמען.

צו יענער צײַט — סך־הכּל עטלעכע וואָכן נאָך דער פאַרענדיקונג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — ביסטו געווען באַזאָרגט און באַשעפטיקט מיט איין גרויסער הייליקער זאַך: אויפנעמען און העלפן אַלע פאַרבליבענע און אויס־באַהאַלטענע, און אויך די זיך אומקערנדיקע מחוץ די גרענעצן פון בעלגיע, אויסזוכן די אָפּגעראַטעוועטע אויסבאַהאַלטענע ייִדישע קינדער. דוכט זיך, אַז אַלץ אין דײַן היים איז געווען געווידמעט דער דאָזיקער זאַך. אין אָט דער שליחות האָסטו געזען דײַן לעבנס־אויפגאַבע.

חיילים פון דער ייִדישער ארץ־ישׂראל־בריגאַדע — און קודם כּל אונדזערע חברים צווישן זיי — האָבן בײַ דיר געפונען און דערהערט דעם אָפּקלאַנג פון די גרויליקע יאָרן פון דער נאַצי־דײַטשער הערשאַפט אין בעלגיע. דעפּאָרטאַציע פון טויזנטער, ראַטונגס־אַקציעס, אונטערגרונט־אַרבעט אויך אין די ראַמען פון דער אָרטיקער פּטער ייִדישער אַנטי־נאַצישער בריגאַדע, אומלעגאַלע צײַטשריפטן און אויפרופן, וואָס האָבן געמוטיקט און געשטאַרקט די אויסבאַהאַלטענע אין דער אָקופּאַציע־צייט. מיט איין וואָרט — אַ העראָישע עפּאָפּיי, אין וועלכער דו האָסט אײַנגעשטעלט דײַן לעבן און דו ביסט געווען באַטייליקט מיט אַלץ, וואָס עס קען נאָר אָפּגעבן איינער פון די בעסטע זין פון אונדזער פאָלק.

כּמעט צוויי יאָר האָב איך מיטגעאַרבעט און בין מיטגעגאַנגען מיט דיר בײַ דער נאָכמלחמהדיקער ראַטונג־ און קאָנסטרוקטיווער הילף־אַרבעט. דײַנע פאַר־בינדונגען האָבן דערמעגלעכט לעגאַל און אומלעגאַל אַרײַנצופירן קיין בעלגיע קינדער פון די לאַגערן אין דײַטשלאַנד, עסטרײַך און אַפילו פון דער ווײַטער טשעכאָסלאָוואַקיע, הונדערטער און הונדערטער פאַרבליבענע און געראַטעוועטע — שאַפן פאַר זיי אַלע אויפהאַלט־רעכט, און דאָס וויכטיקסטע: וואַרעמע, גוט אײַנגעאָרדנטע אויפנעם־פּלעצער און באַשפּײַזונג, זאָרג און אַטמאָספער.

דאָס אַלץ, כּדי צו געפינען דעם וועג פאַר זייער עליה קיין ארץ־ישראל. עס רעדט זיך אַזוי: עליה... דאָס האָט מען געדאַרפט טאָן אונטער די אויגן פון דער אַרטיקער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע, פון דער ענגלישער געהיימער דינסט, איבער טויזנטער קילאָמעטער ביז צו די דרום־ברעגן פון פראַנקרייַך... נישט געוועז דוכט זיך, אין בעלגיע קיין אינסטאַנצן און אָרגאַנען וואָס זאָל נישט קענען אַנרי — דאָס איז געווען אַבוּשס פּסעוודאָנים אין די יאָרן פון אונטער־ערדישער אַקטיווער אַרבעט. שוין אָפּגערעדט פון זייַנע פאַרבינדונגען אין אַר־טיקע ייִדישע אַנשטאַלטן, ווי ייִדישער וועלט־קאָנגרעס, ווי „אַ.אי.וועז.שע.", דער פאַרשטייערשאַפט פון דזשאָינט. ווער וועט געפינען פאַר זיין חוב צו באַצייכענען ווי געהעריק און פאַרשרייַבן אינעם בוך פון דער ייִדישער געשיכטע אַבוּשס הייליקן נאָמען, זייַן אָפּפערווויליקייט, זייַנע אומבאַשרייַבלעכע אויפטוען? ייִדישע חיילים און ייִדישע הגנה־שליחים, וועלכע האָבן צו יענער צייַט גע־אַרבעט אומלעגאַל — אַרייַנגערעכנט דעם שרייַבער פון די שורות — זיי זענען די בעסטע עדות, זיי וועלן דיך שטענדיק געדענקען.

ווי קען מען נישט דערמאָנען די אומלעגאַלע, אַזוי געפערלעכע אָרגאַ־ניזירונג פון איבערשיקן געווער פון אַנטווערפּן־פּאָרט פאַר דער הגנה אין ישראל? גאַנצע נעכט האָט מען דאָס ווי געהעריק געפּאַקט און ביי טאָג געפירט דורך אומוועגן צום פּאָרט.

דאַן די רעקאָנסטרוקציע פונעם אָרטיקן ייִשוב, דאָס באַנייַען די ציוניס־טישע פעדעראַציע, און דער עיקר אויפבויען צוריק די פּועלי־ציון־באַוועגונג, איר יוגנט־אָרגאַניזאַציע און ספּאָרט־גרופּע „שטערן", די צאָלרייַכע דעמאָנ־סטראַציעס מיט אַ מאַסן־באַטייליקונג, די אַקציע צום ערשטן נאָך דער מלחמה ציוניסטישן קאָנגרעס אין חודש דעצעמבער 1946 אין באַזעל. ביי דעם אַלעמען האָט דיך אויסגעצייכנט דייַן באַשיידנקייט און צניעות אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן און טעטיקייט. קיין מאָל האָסטו נישט געטראַכט וועגן זיך, נישט געפּאָ־דערט פאַר זיך דעם אויבנאָן. וויכטיק און דעצידירנדיק איז פאַר דיר די עצם זאַך, די אידעע, דער אַלגעמיין געזעלשאַפטלעכער אינטערעס. בלויז איינצלנע מענטשן קען מען געפינען מיט כאַראַקטערן ווי דייַנער, מייַן אומפאַרגעסלעכער נאָענטער און גוטער פרייַנד. רייַך, אומבאַשרייַבלעך רייַך און פול מיט דערגריי־כונגען, איז געווען דייַן לעבן.

און ביי דעם אַלעמען ביסטו געווען אַן איבערגעגעבענער מאַן און פאָטער, אַ געטרייַער פרייַנד פאַר אַלע נאָענטע און אַפילו ווייַטע — מיט ליבשאַפט, מיט סימפּאַטיע, מיט אַ ריין מענטשלעכן געפיל. ווי זאָל מען נישט באַצייכענען אַבוּשס עמפינדלעכקייט, אינטעליגענץ און אָריענטאַציע, כּמעט אויף אַלע געביטן? דער

פּאַרטיי־טוער מיטן שאַרפן אויג און מיט פאַרשטענדעניש פאַר אַלע פּראָבלעמען פון דער צײַט; און דערבײַ פול מיט אינטערעס און באַציִונג צו ליטעראַטור, און ספּעציעל — צו ייִדישער ליטעראַרישער שאַפונג, אין דיכטונג און אין פּראָזע, ווי שיין, מיט וויפל געשמאַק האָסטו געלייענט און ממש זיך „געצאַצקעט" מיט אַ ייִדיש ליד. כ׳דערמאָן זיך יענע אָוונטן בײַ דיר אין הויז, ווען אַלע אָנוועזנדיקע האָבן מיט אַזאַ אינטערעס געהערט דײַן פאָרלייענען פּאָעזיע.

ליידער האָסטו נישט פאַרנומען דאָס געהעריקע אָרט און אָנזען אין אונדזער ישׂראלדיקערווירקלעכקייט, וואָס איז נישט אָפט גרייט אויפצונעמען און ווי געהעריק אײַנגלידערן מענטשן פון דײַן פאַרנעם. אָבער בײַ אַלע שוועריקייטן פון אונדזער אָרטיקער, אָפט צו האַרבער ווירקלעכקייט האָסטו מיטגעלעבט מיט אַלץ אין לאַנד — מיט דער באַוועגונג, מיטן אַרבעטנדיקן ישׂראל, מיט זײַנע פּראָבלעמען און ראַנגלענישן.

דו האָסט געווידמעט דײַן איניציאַטיוו און ענערגיע צו פאַראייביקן די טעטיקייט פון אונדזער פּועלי־ציון־באַוועגונג, צו פלעגן דאָס ייִדישע וואָרט דורכן י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, וועלכער האָט, נישט ווייניק אַ דאַנק דיר, אַזוי ווײַט און ברייט געגרייכט.

שווער, אומבאַשרײַבלעך שווער, איז צו מאַכן שלום מיטן ביטערן פאַקט, אַז דו, ליבער אַבוש, ביסט מער נישטאָ צווישן די אַלע, וואָס האָבן דיך אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און געשעצט...

פאַר דיר, ליבע שפרה, זײַן לעבנס־באַגלייטערין, פאַר משהלען, זײַן פרוי און קינדער, צו זאָגן ווערטער פון טיפן מיטגעפיל איז צו ווייניק. דער ווייטיק און פאַרלוסט איז גרויס. זײַט געשטאַרקט, אײַער מאַן, חבר און פאָטער איז געווען צווישן די בעסטע ייִדישע זין, וועמענס לעבנסוועג עס וועט אונדז אַלעמען פאַרשאַפן שטאָלץ און אים — אייביקן אָנדענק. זײַן טעטיקייט וועט דינען ווי אַ הייליקער בײַשפּיל פאַר זײַנע אייניקלעך און פאַר נײַע דורות.

דוד טאַבאַטשניק

פּתח־תּקוה, 6.1.1976

דער ייִדישער פּאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט (סע.דע.זשי.), וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער ייִדישער רעזיסטאַנץ־אַרבעט אין בעלגיע, צוזאַמען מיט ד״ר מאַרקוס — ראַבינער אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און יצחק קובאָוויצקי — פּאַרזיצער פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין בעלגיע — בריסל, 1945

עס זיצן פון רעכטס צו לינקס:

פּראָפ׳ ח. פּערלמאַן, דוד פערדמאַן, פּראָפ׳ אַלאַר (נישט־ייִד), אַליס פּעלץ, יצחק קובאָ־וויצקי, ד״ר מאַרקוס.

עס שטייען פון רעכטס צו לינקס:

אַבוש ווערבער, מאַניעק וואָלמאַן, שאַטאַן, אָסקאַר אַרבאַך.

לידער - ווידמונגען



אַבוש (ערשטער פון לינקס) מיט די פּאָעטן אריה שמרי און אברהם סוצקעווער — ת״א, 28.4.69

אַברהם סוצקעווער

לויבליד

פֿאַר אַבוש ווערבער

אַ לויב און אַ הימען
אײַך, שטילע יחידים, געזאַלבטע באַגלייטער.
באַווײַנט איז מײַן מידבר מיט אײַערע שטימען,
געפֿלאָכטן מיט אײַערע אָרעמס — מײַן לייטער.

און שטײַג איך און שטאַפּל
געהויבן פֿון אײַערע מוסקלען, און פֿאַל איך,
איז גוט מיר צו וויסן, אַז אײַער שוואַרצאַפּל
ווײַנט־אויס מײַן געראַנגל פֿון תּאווה און מלאך.

1969

פֿון „לידער פֿון טאָגבוך"

דעם אָנדענק פֿון אַבוש ווערבער

קוים האָסטו זיך אַרויסגעקליבן פֿון דער וועלט און אירע
מעת־לעתן, און זיך אײַנגעמאָסטעט אין דער נײַער דירה
אַוווּ עס פֿוילט אין פֿינצטערניש די זון, עס פּלאַצט איר קערן,
אַז אויפֿגיין זאָל אין דיר אַ נײַע בענקעניש —

לחיים גיס איך אָן פֿון דײַן געטראַנק וואָס מיר איז טײַער:
אַ גלעזל דיר, אַ גלעזל מיר, דעם זעלביקן טאָקײַער,
אַז טרערן זאָלן זיך פֿון ווײַטן אָנקלאַפּן אָן טרערן,
באַפֿרײַטע פֿון געפֿענקעניש.

באַזונדער, זענען מיר בײַנאַנד געבליבן טאָפּל אייניק,
נאָר דיר אין דער־אָ טאָפּלקייט אַ גלעזעלע איז ווייניק:
דאַרפֿסט אויסטרינקען אַ רעגן איך זאָל קאָנען אין דײַן שאָטן,
אַרום דײַן בוים, אַ באָרוועסער פֿאַרבײַגיין דיר.

קוים האָסטו זיך אַרויסגעקליבן פֿון דער וועלט און אירע
מעת־לעתן, און זיך אײַנגעמאָסטעט אין דער נײַער דירה,
דײַן גאַניק מיטן פֿרישן זאַמד איך האָב נאָך ניט באַטראָטן
צו לייענען מײַן שווײַגן דיר.

יאַנואַר 1976

אַריה שמרי

ח ב ר

פאַר דער היימישער היים
פון די ווערבערס

ווײַט־ווײַט פֿון דעם גאַסן־געהאַווע,
בײַ די פֿאַנען פֿון גראָען געוואַנט —
רוף איך: מ ע נ ט ש, רוף איך: ח ב ר,
און עס פֿלעכט זיך אַ האַנט מיט אַ האַנט.

טיילסט מיט מיר דײַן ליכט און דײַן ברייטל,
דײַן שטיל־זײַן און די בענטשיקע רייד;
אַ שמעטערלינג טאַנצט אַרום קנייטל
מיט אַ דינער פֿאַרהוילענער פֿרייד.

ער שוועבט און פֿאַרשוועבט אַ פֿאַרשטעלטער,
און זײַן סאַמעט און גאָלד אין דער לופֿט.
ווער איז ער? אַן אורח פֿון וועלטן, —
סאַראַ פֿאַרב! סאַראַ בלענד! סאַראַ דופֿט!

ער איז צו דײַן טיש דאָ געקומען,
ווײַל דײַן טרער האָט נאָך גאָלדיק געהעלט.
לאָמיר בענטשן מיט אים במזומן,
אין דײַן קליינטשיק שטיבל — די וועלט.

פון „אַ שטערן אין פעלד", 1957

ליזער אײכנראַנד

אין לעצטן דאָרשט

סאָנעט פֿאַר אַ געשטאָרבענעם פֿרײַנד / אַבוש װערבער ז״ל

דער אָטעם װערט פֿון שעהען שטיל און קאַלט,
אין װײַטן לעשן זיך פֿאַרשטומטע פֿריִען;
באַלד װעט דײַן אױג אין לעצטן דאָרשט פֿאַרגליִען,
בשעת דײַן טרער אין גסיסה־שױם צעפֿאַלט.

אַ רגע צינדט איר זון נאָך אָן און שטראַלט
אַרײַן אין בלוט איר שװער און הײס זיך מיִען
און װאָס דײַן בליק אַ לעצט מאָל זעט נאָך ציִען
איז נאָענט און װײַט, בראשית — יונג און אַלט.

עס שליסט זיך שװער דער קרײַז פֿון דײַן געבױרן
און נעמט דיך שטיל צום אָנהײב, צום פֿאַרגעסן,
צוריק צו דעם, װאָס לעבט אין אַלץ אַלײן —

און װאָס דו האָסט געפֿונען און פֿאַרלױרן
אין שװערן גאַנג דורך נאַקעטע מעת־לעתן,
גײט שטום אין צער פֿון דעם באַשאַף אַרײַן.

שפרה ווערבער

איך וועל קומען צו דיר

איך וועל קומען צו דיר,
ווען ס'וועט לעשן זיך
מײַן שטערן
און אין שטויב
מגולגל ווערן.

צי וועט מען ביידע
דאָרטן —
אויף דעם אינדזעלע —
אין פוסטן חלל פֿון ניט־זײַן,
צי וועט מען ביידע דאָרטן,
ווי דאָ גאָר אַ מאָל —
אין דעם האַרמידער —
שווײַגן ווידער
שמייכלענדיק־פֿאַרלעגן?

צי וועל איך דעמאָלט
מעגן
אַ קוש טאָן די רויז,
וואָס האָסט אַנומלט
מיר שענקען ניט געוואַגט?

ביאָגראַפישע פּרטים

אַבוש (ערשטער פון לינקס) מיט זײַן משפּחה —
לעבן זײַן פאָטער און מוטער — ראַדאָם, 1915

דער לעבנסוועג פון אַבושווערבער

אַבוש ווערבער איז געבוירן אין ראַדאָם, דעם 17טן סעפּטעמבער 1908. ער איז דאָס 7טע לעבן־געבליבענע קינד ביי פרומע פּאַלקסמענטשן. ער גייט אין „חדר" און באַקומט אַ שטרענג רעליגיעזע דערציִונג, ער רייסט זיך אָבער צו אַלגעמיינער בילדונג. דער פאָטער דערלויבט אים נישט צו גיין אין דער וועלט־לעכער שול, ער זאָל נישט ווערן קיין „גוי" — אַנטלויפט ער צו 11 יאָר פון „חדר" און לערנט זיך קאַמאַשן־שטעפּעריי. אין יאָר 1920 עפנט די „געזעלשאַפט אָוונטקורסן" אַן אָוונטשול. דער 12־יאָריקער אַבוש באַזוכט די קורסן און געפינט זיך צום ערשטן מאָל אין אַ סביבה, וואָס האָט אויף אים אַ גרויסן איינפלוס.

שפּעטער ווערט ער מיטגליד פון דער פועלי־ציון יוגנט־אָרגאַניזאַציע. דורך דער ברייטער דערציִונגס־אַרבעט, וואָס ווערט דאָרט געפירט, עפענען זיך פאַר אים נייע וועלטן, און דער דראַנג נאָך וויסן פאַרשטאַרקט זיך ביי אים. ער שטעלט זיך פאַר אַ ציל אויסצולייענען, לויט די כּסדרדיקע נומערן אין די קאַטאַלאָגן, אַלע ביכער פון דער ביבליאָטעק... גלייכצייטיק שפּאָרט ער פון זיינע אייגענע פאַרדינטע גראָשנס און נעמט פּריוואַטע לעקציעס.

אַ דאַנק זיין אַקטיוויטעט אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, ווערט ער אויס־געוויילט אין יוגנט־קאָמיטעט.

בעת די אַרעסטן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין ראַדאָם אין 1924־25, ווערן די אָנפירנדיקע חברים אַריינגעזעצט אין תּפיסה, אָדער זענען געצוווּנגען צו אַנטלויפן. אַבוש נעמט אויף זיך די איניציאַטיוו ווידער אויפצולעבן די יוגנט־אָרגאַניזאַציע און ווערט דאַן איר פירער. ער נעמט אויך אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער קולטור־אַרבעט פון דער פּאַרטיי און אין 1927 פאָרט ער קיין וואַרשע אַלס דעלעגאַט צום ערשטן יידישן קולטור־קאָנגרעס, גערופן פון דער „גע־זעלשאַפט אָוונטקורסן".

אין פעברואַר 1929 פאָרט ער אָפּ קיין בעלגיע (בריסל), ווו ער שטעלט זיך אין פאַרבינדונג מיט דער פועלי־ציון־אָרגאַניזאַציע. אויף איינער פון די פאַרזאַמלונגען ווערט ער געוויילט אין פּאַרטיי־קאָמיטעט און נעמט איבער דעם קולטור־רעסאָרט, ווו ער אַנטוויקלט אַ ברייטע טעטיקייט.

אין אָקטאָבער פון זעלבן יאָר קומט ער צוריק קיין פּוילן און שטעלט זיך צו דער דיספּאָזיציע פון זיין אָרגאַניזאַציע אין ראַדאָם. ער פאָרט אַלס שליח צום פּאַלעסטינער אַרבעטער־קאָנגרעס אין וואַרשע, ווו ער ווערט געוויילט אין דער אָרגאַניזיר־קאָמיסיע פון קאָנגרעס.

